# לקט שיחות קודש

מאת

**כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**

**עם כ"ק מרן רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל גאב"ד ירושלים עיה"ק**

**בעת שנועדו יחדיו במשך השנים**

גליון מיוחד לרגל מלאות השלושים להסתלקותו

**• וישאלו איש לרעהו לשלום.. •**

**רבינו:** (אחר דרישת שלומו הטוב, נענה ואמר כלפי טלטולי דאורחא): תלמידי חכמים אין להם מנוחה (ברכות סד.) ..

**גאב"ד ירושלים:** אויב ס'איז נישטא מנוחה, זאל עס כאטש זיין פאר א גוטע זאך... - דער רב האט זיך דאך עקסטער מטריח געווען צו קומען קיין אנטווערפן (אייר תשנ"ז) פאר צדקת רבי מאיר בעל הנס, צום דינער פון כולל שומרי החומות (עפ"י בקשת הגאב"ד בהיותו דומ"ץ בעיר אנטווערפען יצ"ו), בין איך יעצט צוריק געקומען...

**רבינו:** חיישינן לגומלין (כתובות כד.) - דער רב באצאלט עס אבער מיט 'רבית', ווייל ווען דער רב קומט איז עס חשוב'ער ווי ווען איך בין געגאנגען...

**גאב"ד ירושלים:** 'רבית' איז דאך ביי געלט - זאל מען מאכן אסאך געלט...!

כ'בין געקומען וועגן צוויי שמחות ב"ה, א בר מצוה פון אן אייניקל און א חתונה פון אן אייניקל.

**רבינו:** נו, אין מערבין שמחה בשמחה (מו"ק ח:)... מ'זאגט נאך פון איינעם פון די צדיקים, אז ס'האט אמאל פאסירט עפעס אן אומגליק ל"ע אין די משפחה, און ס'איז געווען אום יום טוב. האט ער זיך אנגערופן: א איד דארף דאך אלעס מקבל זיין "בשמחה" (ברכות נד.), פארוואס האט דאס דער אייבערשטער געגעבן אום יו"ט, ס'דאך אין מערבין שמחה בשמחה...!

רבינו הציג לפניו את מו"ה רבי פרץ פריעדמאן ז"ל ראה"ק דקהלתינו הק', באמרו שאביו הי' אב"ד טירנוי זצ"ל, ונענה הגאב"ד ואמר: מיר האבן געוואוינט נעבן טירנוי. אין פעזינג. כ'בין געפארן אמאל קיין סלאוואקיי צו קברי אבות - די עלטערן הי"ד זענען אוועק ל"ע אויף קידוש ה', אבער די זיידעס און עלטער-זיידעס זי"ע ליגן דארט אין פעזינג, בין איך געווען אין סערדאהעלי אויך. מיר זענען געווען דעמאלס ניין אידן, און די וועלט זאגט 'אז ס'זענען דא ניין - קומט א צענטער'.., איז טאקע אנגעקומען א איד א תושב פון דארט. און מ'איז ארויס אויפן בית החיים, און מ'האט נאכדעם געמאכט א מנין פאר 'קריאת התורה' אין דעם שטוב וואו דער 'סערדאהעלער ישיבה' איז געווען [-היכל ישיבתו של הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל הי"ד, זקינו של רבינו שליט"א].

[יום ד' חיי שרה תשס"ד, בביקורו הראשון בארה"ב, אחר עלותו על כס הרבנות בירושלים עיה"ק]

*

**רבינו:** וויאזוי שפירט זיך די רב?

**גאב"ד ירושלים:** בעסער ב"ה, איך האב געהאט שמערצן אויף די רוקן, אבער יעצט איז אביסל בעסער. שמחת תורה האב איך געהאט א מנין דא אין צימער, איך האב נישט געקענט אראפגיין אין ביהמ"ד דא אין אין חצר.

**רבינו:** זעהט אויס אז דער רב שלעפט א שווערער פעקל אויפן רוקן...

**גאב"ד ירושלים:** ב"ה, יעצט גיי איך שוין ארויס, שמחת תורה ביינאכט בין איך נאך געווען ביי הקפות אין ביהמ"ד, אבער צופרי האב איך שוין נישט געקענט גיין. איך בין ארום געגאנגען זיבן הקפות ארום דעם טיש, און דאס האב איך אויך נישט געקענט, אבער יעצט ב"ה איז פיין.

**רבינו:** מען האט געוואלט אריינברענגען דעם שמחת תורה דא אין שטוב.

[יום עש"ק וישב תשס"ח]

*

**גאב"ד ירושלים:** ווי אזוי גייט עס אין די קהלה.

**רבינו:** ברוך ה', געלויבט דער הייליגער באשעפער, עבדות אני נותן לכם (הוריות י:), די רב ווייסט דאך שוין...

**גאב"ד ירושלים:** דאס ווייס איך גוט..

**רבינו:** ביי א עבד עברי איז די הלכה (קידושין כ. תוס' ד"ה כל בשם הירושלמי) אז אויב דער אדון האט נאר איין קישען, דארף ער עס אוועקגעבן פארן עבד, עס איז עבדו"ת אני נותן לכם. דער אייבערשטער דארף געבן געזונט און כח.

[יום ד' מקץ, ערב חנוכה תשע"ד]

*

**• ימלא גרונם של תלמידי חכמים יין •**

**רבינו:** [אחר שכיבד את הגאב"ד זצ"ל לברך ראשון על כוס יין, הוסיף רבינו]: די וויין [שמזג להגאב"ד] איז הרוצה לנסך יין על גבי המזבח, ימלא גרונם של תלמידי חכמים יין, איז דאך דאס נסכים, קומט זיך פריער צו מאכן אויף דעם א ברכה, ווי אויף א פשוט'ער וויין..

עס איז געווען נעכטן א מסיבה ביי אונז פארן כולל, האב איך געדארפט רעדן אין די שבח פון די מחזיקי תורה, דער **חתם סופר** זאגט, אז ביי שם שטייט ומלכי צדק מלך שלם הוציא לחם ויין, והוא כהן לקל עליון. זאגט דער חתם סופר אז הרוצה לנסך יין על גבי המזבח ימלא גרונם של תלמידי חכמים יין (יומא עא.), אז שם האט געברענגט וויין פאר אברהם, האט ער מנסך געווען יין על גבי המזבח, איז ער געווארן א כהן, א כהן טוהט דאך די עבודה פון נסכים, דורך דעם וואס הוציא לחם ויין, ער האט געברענגט פאר אים לחם ויין, והוא כהן לקל עליון, מיט דעם איז ער געווארן א כהן לקל עליון.

**רבינו:** (אחר שכיבד את הגאב"ד זצ"ל גם בפירות, הוסיף ואמר): פון דעם קען מען שוין נעמען 'שיריים' אויך...!, וביקש רבינו מהגאב"ד שיחלק לציבור הנוכחים.

**גאב"ד ירושלים:** איך בין דא א גאסט, איך בין נישט געקומען טיילן..

**רבינו:** זיי זענען דאך אבער יא געקומען.. [והוסיף ואמר: פאר מנחם [מארקאוויטש] (מחשובי אנ"ש, ויד ימינו של הגאב"ד זצ"ל) קומט זיך.,. הגאב"ד נתן לו פירות ואמר: 'דער רב מאכט מיר פאר א שליח..', והוסיף רבינו: ער איז געטריי נישט נאר בפניו, נאר שלא בפניו אויך..].

[יום ד' אמור תשס"ט]

*

**• בענין נסיעה בערעפלא"ן, ולברך עליו 'ברכת הגומל' •**

**רבינו:** דער רב האט קיינמאל נישט געוואוינט אין ירושלים פארדעם?

**גאב"ד ירושלים:** ניין. כ'בין די גאנצע צייט געווען אין ענגלאנד, נאך פון פאר'ן קריג, און שפעטער אין בעלגיע. אבער איך קום שוין קיין ירושלים איבער פערציג יאר. איך האב געהאט א עלטערער ברודער דארט [רבי דוד יונה ווייס ז"ל], דער פאטער פון רבי שמעון ווייס.

**הרה"ח ר' שמעון ווייס שליט"א, יו"ר וועד הכשרות דהעדה החרדית:** כ'האב אמאל געפרעגט דעם פריערדיגן **וויענער רב [מרן בעל עזר מיהודה]** זצ"ל, פארוואס ער קומט נישט קיין ירושלים, כ'האב איהם שטארק געמוטשעט, אז ס'איז גוט אז ירושלים זאל זעהן אזא 'ארגינעלן רב' ווי אים. האט ער געזאגט: כ'קום נישט קיין ירושלים, אבער איך טוה זייער אסאך פאר ירושלים, פאר כולל שומרי החומות.

**רבינו:** ער האט טאקע געטוהן אסאך פאר'ן כולל.

**גאב"ד ירושלים:** כ'בין געווען אין דעם ביהמ"ד וואס ער האט אויפגעבויט פאר כולל שומרי החומות [ה"ה ביהמ"ד נחלת עזריאל יהודה ברמות ד', **ורבינו שליט"א** נסע יחד עם פמליית אנ"ש בני קהלתינו הק' לפאר בראש אצל מעמד חנוכת הביהמ"ד בחודש אייר תשנ"ו לפ"ק].

**ר"ש ווייס:** דאס אונטערשטע יאר האט ער מיר געזאגט, אז ער האט מורא צו פארן מיט א פליגער, וועגן דעם קומט ער נישט קיין ארץ ישראל. כ'האב איהם געמוטשעט א האלבע שעה, כ'האב איהם געזאגט אז כ'וויל אז אזא סארט רב ווי איהם זאל קומען קיין ירושלים... האט ער מיר געזאגט אז ער האט מורא צו פארן. דאס איז געווען דער אמת.

**רבינו:** דער **בעלזער רב זי"ע** האט אויך נישט געוואלט פארן מיט א פליגער, אפילו פאר די חסידים האט ער נישט געוואלט לכתחילה מ'זאל פארן.

**גאב"ד ירושלים:** דער **סאטמארער רב זי"ע** איז אויך נישט געפארן מיט א פליגער, נאר אלעמאל מיט א שיף, חוץ סוף ימיו ווען ער האט שוין נישט געהאט קיין ברירה. - נישט אלס א שאלה פון הגומל, נאר פשוט אלס מורא.

**רבינו:** אפילו קיין פלארידא איז ער אויך נישט געפארן מיט א פליגער. - ס'איז דא א ים אויפ'ן וועג קיין פלארידא? מ'בענטשט הגומל ווען מ'קומט קיין פלארידא?

**גאב"ד ירושלים:** ס'איז דא א ים. **רבי משה פיינשטיין**

**זצ"ל** זאגט גראדע, אז אפילו אויב מ'פליט נאר ביבשה מאכט מען אויך הגומל. אבער די וועלט פירט זיך נישט אזוי[א]. דער בעלזער רב זי"ע האט געהייסן אפילו ווען מ'פליט איבערן ים, אז מ'זאל בענטשן אהן שם ומלכות. די בעלזער חסידים בענטשן גומל אהן שם ומלכות.
ווען כ'בין דאס ערשטע מאל געפלויגן, איז דאס געוועזן פון לאנדאן קיין אנטווערפן צוליב א ביקור

---

[א] נצטט מתוך שיחתו של רבינו שליט"א עם הרה"ג רבי חיים דוד כ"ץ שליט"א דומ"ץ סאטמאר בב"פ (ה' יתרו תשע"ו בפאלם ספרינגס), מה שדנו בהלכה בענין זה:

**רבינו:** איך בין נישט קלאר לגבי הגומל בענטשען. די וועלט פירט זיך אז ווען מען פארט מיט אן עראפלאן בענטשט מען נאר הגומל ווען מען פארט העכער א ים. וואס איז דער חילוק צו מען פארט העכער א ים, צו מען פארט העכער א מדבר?

**הגרח"ד:** איך האב אלץ געלערנט, ווייל טאמער מען דארף ח"ו מאכן אן עמערדשענסי לענדונג, אויף די יבשה קען מען מאכן א לאנדונג, אבער אויפן ים קען מען נישט.

**רבינו:** היינט קען מען מאכן אויפן ים אויך א לענדונג. אין האדסאן ריווער האט א פליגער געמאכט א לאנדונג.

**הגרח"ד:** דאס איז געווען א געוואלדיגע סייעתא דשמיא, ממש נסים, אבער נארמאל קען עס נישט געלונגען (עיין בשו"ת בצל החכמה (ח"א סימן כ'), **ובשו"ת ויען דוד** (או"ח סימן ל"ז) שדנו בזה).

**רבינו:** עס איז א חילוק צו עס פאלט, צו עס קומט אראפ. אראפ קען ער קומען איבעראל.

הולכי ימים דארפן בענטשען הגומל, און הולכי מדבריות. די גאנצע וועג דא [לפאלם ספרינגס], איז הולכי מדבריות. ווען מען פארט בייטאג קען מען זעהן א שעה וועג ווי עס איז נישט דא א נפש חיה.

**הרה"ג רבי יואל ווייסמאנדל:** ווען איינער גייט דארט אדורך דארף ער בענטשען הגומל?

**רבינו:** וואס דען מיינט הולכי מדבריות?!

**הרה"ג רבי יואל:** דארט ווי עס דרייען זיך בעלי חיים, און עס איז א מקום סכנה.

**רבינו:** דא איז אויך דא בעלי חיים. און א מקום סכנה מיינט אויך, אז עס איז נישט דא צו עסן און טרינקען. איך מיין אז ווען מען פארט פון דא אויף לאס אנדזשעלעס מיט א קאר פארט מען אדורך אויפן וועג א מדבר.

**הגרח"ד:** אויב דער חשבון איז אז עס הייסט א סכנה ווען מען דארף לאנדען, איז דאך העכער א מדבר אויך הולכי מדבריות. - איך ווייס נישט ווי אזוי עס איז נקבע געווארן אזוי. איך מיין אז דער **דעברעצינער רב** האט געפסקנ'ט, אז מען דארף יא בענטשען הגומל אייביג, אפילו מען פארט נישט העכער א ים וכדומה. (עיין בשו"ת באר משה (חלק ז' קונטרס עלעקטריק סימן סח-סט) שכתב בנוסע באוירון מעל מדבריות צריך לברך ברכת הגומל לכו"ע, וכ"ב בספר **ארחות רבינו** (ח"א עמוד צ"א), **ובשו"ת אגרות משה** או"ח ח"ב סימן נ"ט).

**רבינו:** אמאל האט מען געהאלטן אז בעצם פארן מיט אן ערפלאן איז א סכנה, אבער היינט איז עס שוין ארויס פונעם מצב אז עס איז א סכנה.

**הגרח"ד:** מיין טאטע (רבי יוסף כ"ץ) ז"ל האט געהאלטן, אז מען טאר נישט פארן מיט א עראפלאן, נאר ווען עס איז באמת א צורך. ווען מען פארט אויף א שמחה, אדער לצורך מצוה, ווייל אז מען דארף הגומל בענטשען, איז דאך פשט אז ער לאזט זיך אריין אין א סכנה. מילא פאר פרנסה שטייט אז מען מעג גיין (עיין בשו"ת נודע ביהודה מהדו"ת יו"ד סימן י'), אבער סתם אויף א אויספלוג צו גיין, אויף א זאך וואס מען דארף גומל בענטשען, טאר מען זיך נישט אריינלאזן אין א סכנה.

מען זאגט נאך אויפן **סקווערער רבי זצ"ל** אז ער האט נישט געזאגט קיין תפלת הדרך פון די שטאט קיין סקווירא, ווייל ער האט נישט געוואלט אז עס זאל נקבע ווערן פאר א מקום סכנה (עיין בשו"ת באר משה שם).

**רבינו:** עס איז א שווערע היתר.

**הגרח"ד:** עס איז דא א גאנצע נידון דערין. ווייל הליכה ברגל איז טאקע דא מער ווי א פרסה, אבער פארן מער ווי עס נעמט צו גיין א פרסה, מער פון צוויי און זיבעציג מינוט, ווייס איך נישט צו עס איז דא ביז מאנסי. - ממילא איז מען דאך מסופק צו די שיעור פרסה רעכענט מען בתר הליכה ברגל, אדער נישט (עיין בשו"ת זכרון יהודה סימן מ"ב).

**רבינו:** דאס האבן אלע אנגענומען אז מען רעכנט די צייט בתר הליכה ברגל (עיין במשנה ברורה (סימן ק"י סק"ל), **ובשו"ת שבט הלוי** (ח"ט סימן ל"ז, ובח"י סימן כ"א)).

**הגרח"ד:** דער **חזון איש** טענ'ט אז מען וואלט אין שטאט אויך געדארפט זאגן תפלת הדרך, נאר וואס דען, מען קען נישט מאכן א ברכה, ממילא זאל מען נישט קובע זיין אזוי (עיין בשו"ת תשובות והנהגות ח"א סימן קצ"ט).

**רבינו:** סכנה פערצענטאעל האלט מען אז א קאר איז מער א סכנה פון אן עראפלאן. עס איז דא מער עקסידענט'ס פון קארן ווי פון עראפלאנען.

**הגרח"ד:** דער **אראד'ער רב** פלעגט זאגן תפלת הדרך בלי שם ומלכות, יעדעס מאל ער איז געפארן מיט א קאר.

**רבינו:** איך האב אויך געהערט אזוי אויף **רבי יונתן שטייף זצ"ל**. ער האט נישט געזאגט די נוסח פון תפלת הדרך, נאר ער האט געזאגט א תפלה.

חולים. בין איך געווען דארט ביי **רבי איציקל מפשעווארסק זצ"ל**, און כ'האב עולה געווען אין א וואכנטאג. פרעגט ער מיך פארוואס כ'האב נישט גומל געבענטשט. האב איך געענטפערט די תירוץ און די תירוץ. זאגט ער מיר: עס לוינט דאך גומל צו בענטשן נאר כדי אזויפיל אידן זאלן זאגן "מי שגמלך כל טוב הוא יגמלך כל טוב סלה"...! פאר דעם אליין לוינט זיך גומל צו בענטשן...! - אזא ענטפער האט ער מיר געגעבן.

**רבינו:** מיין **טאטע זכרונו לברכה** האט מיר געזאגט. אז ער איז געפארן איינמאל צום **בעלזער רב זי"ע** אויף שבועות תשי"ד לפ"ק קיין ירושלים. זאגט ער מיר: כ'האב נישט מזכיר געווען פאר'ן פארן, ווייל כ'האב געוואוסט אז דעם רב איז נישט ניחא אז מ'פארט מיט א פליגער - האב איך געהייסן מ'זאל מיך מזכיר זיין ווען כ'וועל שוין זיין אויף דעם פליגער... דעמאלס וועט ער שוין גארנישט קענען זאגן...

**גאב"ד ירושלים:** ווען דער **סאטמארער רב זי"ע** איז געווען אין ענגלאנד. איז ער עטליכע מאל אריבער געקומען מיט'ן שיף קיין בעלגיע.

**רבינו:** מיט א שיף איז דאך זיכער אז מ'דארף גומל בענטשן - יורדי הים באניות (תהלים קז-כג).

[יום ד' חיי שרה תשס"ד]

*

**• לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי •**

[רבינו שליט"א העיר על מה שטרח הגאב"ד לבקר בהיכלו, בהיותו טרוד מאוד בסדר היום העמוס], וענה הגאב"ד זצ"ל: אין ירושלים האב איך אויך נישט קיין סאך צייט צו לערנען, פארמיטאג זיץ איך אין כולל.

**רבינו:** דער פריער'דיגער **וויענער רב זצ"ל** איז געווען א תלמיד פונעם **לבושי מרדכי זצ"ל**, און ער האט געוואלט אהיימפארן בין הזמנים, האט אים דער לבושי מרדכי געבעטן אז ער זאל בלייבן דארט בין הזמנים, ער זאל נישט אהיימפארן, ער זאל בלייבן דא, און ער וועט לערנען מיט אים דעם גאנצן בין הזמנים, אזוי איז געווען יעדן בין הזמנים, איז ער נישט אהיימגעפארן יאהרן, און יעדע בין הזמנים האבן זיי אדורכגעלערנט איינס צוויי מסכתות. און דער היילינער לבושי מרדכי האט אים געזאגט, איך בעהט דיך דו זאלסט בלייבן דא, ווייל א רב וואס האט נישט קיין בחורים מיט וועם צו לערנען, לערנט נישט. אזוי האט דער לבושי מרדכי געזאגט, איך וויל עס זאל בלייבן דא איינער מיט וועם איך זאל קענען לערנען.

**גאב"ד ירושלים:** אינטערעסאנט, די זעלבע ווערטער האט מיר געזאגט דער בריסקער ראש ישיבה **רבי דוד סאלאווייטשיק [זצ"ל]**, ווען איך בין אנגעקומען קיין ארץ ישראל דעם ערשטען טאג, 'איר מוזט מאכן א מקום תורה, אז נישט וועט איר צוריבן ווערן'. אויף דעם ארויף האב איך געמאכט דעם כולל, און ב"ה דארט זיץ איך דעם גאנצן פארמיטאג. - ווען איך זעה אים זאג איך אים א יישר כח.

**רבינו:** אזוי ווערט מען נישט געשטערט.

**גאב"ד ירושלים:** יא, עס הענגט א צעטל, אז אגאנצן פארמיטאג קען מען נישט קומען. עס איז דאך דא היינט טירדות אן א שיעור.

**רבינו:** מען זאגט נאך אויפן **חזון איש**, ער האט דאך זייער פלייסיג געלערנט נאך אין אייראפע, און אויף די עלטער ווען ער איז געקומען קיין ארץ ישראל, האט ער זיך מער אריינגעלייגט צו העלפן פאר אידישע קינדער. כאטשיג ער איז געווען אזא מתמיד, האט זיך מקריב געווען די לעצטערע יאהרן פארן ציבור.

**גאב"ד ירושלים:** זיין רעבעצין פלעגט אייביג זאגן, וואס ווילט איר פון אים, ער האט זיך געפלאגט, פלאגט איר זיך אויך..

**רבינו** : עס איז געווען תיכף נאך די קריג דעמאלס, עס זענען געווען אזויפיל צובראכענע מענטשען, עס איז נישט געווען צו וועם זיך צו ווענדען.

**גאב"ד ירושלים:** ער האט געשריבן בריוון צו יונגע בחורים, ער האט זיך מטפל געווען מען זאל אריינעמען בחורים אין די ישיבות. מען זעהט די בריוון פון חזון איש מורא'דיג, ער שרייבט אזוי צו יונגע בחורים.

**רבינו:** אין לנו שיור רק התורה הזאת. מען געפונט ביי אלדד ומידד, אז יהושע האט געזאגט אדני משה כלאם (במדבר יא-כח), הטל עליהם צרכי ציבור והם כלים מאליהם (סנהדרין יז.). - נו, כלל ישראל דארף דאס אויך האבן.

**גאב"ד ירושלים:** מען וואלט אפשר געקענט טרעפן א צווייטען...

**רבינו:** מזה ומזה אל תנח ידך.

[יום ד' אמור תשס"ט]

**• נשים במאי קא זכיין •**

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין פון א ליטווישער ראש ישיבה, איך מיין עס שטייט אויפן **סלבודקער ראש ישיבה**, אז ער האט געהאט א שוועסטער וואס פלעגט אים יעדן מיטאג ברענגען א קיכל צו איבערבייסן, און ווען זי איז ארייינגעקומען האט ער זיך אויפגעהויבען פאר איר, האט א תלמיד אים געפרעגט, פארוואס ער הייבט זיך אויף פאר איר, האט ער געזאגט, פארוואס ברענגט זי מיר דעם קיכל, ווייל זי האלט מיר פאר א תלמיד חכם, און זי וויל מיך מהנה זיין, און די גמרא (כתובות קה:) זאגט דאך אז המביא דורון לתלמיד חכם כאילו הקריב ביכורים, שטייט דאך אין די משנה (ביכורים פ"ג מ"ג) אז פאר די מביאי ביכורים האט מען זיך אויפגעשטעלט, פארדעם האט ער זיך אויפגעשטעלט.

**גאב"ד ירושלים:** גאנץ א גוטע המצאה, האב איך שוין וואס צו איבערזאגן ברבים פאר די מענטשען וואס קומען.. [הנדיבי לב שנותנים נדבת לבם ליד הגאב"ד להחזקת הכולל שבנשיאותו] .

מיין רבי [**רבי משה שניידער זצ"ל**] פלעגט דערציילען, אויף **רבי ברוך בער, דער קאמעניצער ראש ישיבה**, אז די רעבעצין פלעגט מאכן פרישטאג, און ער פלעגט אסאך מאל אוועקגעבן דעם פרישטאג פאר די בחורים, ער איז געווען זייער א גוטעטשקער , זי האט געהאט טענות אויף דעם, אז ער געט די פרישטאג פאר די בחורים, איז זי געפארן אמאל צום **חפץ חיים**, און זי האט געוואלט אויסזאגן פארן חפץ חיים, און ווען זי איז ארייינגעקומען, האט מען געזאגט פארן חפץ חיים, אז דעם קאמיניצער ראש ישיבה'ס רעבעצין שטייט ביי די טיר, האט ער זיך אויפגעשטעלט, און געהייסן די גאנצע ישיבה זיך אויפשטעלן, און געזאגט, 'אשת חבר כחבר דמי, וואס מאכט רבי ברוך בער?'. נו, נאכדעם איז שוין געווארן אויס טענות...

**רבינו:** מען זאגט נאך, דא איז דאך געווען א גדול **רבי יעקב קמינצקי**, און דער רבי יעקב איז אמאל געגאנגען צו א מסיבה פון די מועצת גדולי התורה, אן אגודה קאווענטשען, איז ער געקומען אין די קאר מיט זיין רעבעצין, ווען ער איז אנגעקומען, ער ער געזאגט פאר די רעבעצין אז זי זאל קודם ארויפגיין אויבן אין די ווייבער שול, און ער איז געבליבן זיצען אין די קאר, און ער איז ערשט ארייינגעגאנגען אפאר מינוט שפעטער אינעם זאל. און מען האט זיך געחידוש'ט, אז ער האט געשיקט די רעבעצין קודם ארויפגיין, און ערשט נאכדעם איז ער ארייין אין זאל. האט ער געזאגט, איך בין דאך פארנומען , און איך האב נישט קיין צייט פאר די שטוב וויפיל מען דארף, איך האב געוואלט אז זי זאל זיין אינעם זאל, און זי זאל זעהן ווי יעדער שטעלט זיך אויף פאר מיר, און מען געט דעם כבוד, וועט זי עס גרינגער אננעמען נאכדעם.

**א' מהנוכחים:** די **רבי ז"ל** [בעל דברי יואל מסאטמאר] איז געזעסן, דאס לעצטע יאהר געדענק איך, איז כ"א כסלו די רעבעצין געזעסן פון אונטען, פארנט פון טויזענטער מענטשען. עס איז דא בילדער דערפון.

**רבינו:** יא, און מען האט געהאט טענות...

**א' מהנוכחים:** אויך א' סליחות איז זי געזעסן מיט א טישעל, און יעדער וואס איז ארייין...

**גאב"ד ירושלים:** איך געדענק ווען דער **סאטמארער רב** איז געווען אין לאנדאן תשי"ב, עס איז געווען די ערשטע מאל וואס עס איז געווען א רבי אין שטאט, האב זיך די פרויען ארייינגעשטעקט פון אונטען בפני כל קהל ועדה, און געוואלט זעהן וואס טוט זיך. און איינער האט געשריגן נשים ארויס!, און דער סאטמארער רב האט געזאגט, איך רעדט נישט אזוי, נאר זיי זאלן ארייינגיין דארט ..

**רבינו:** מען דארף זיך אויסלערנען וויאזוי צו רעדן.

**א' מהנוכחים:** איינמאל איז ער ארויסגעלאפן ביי די הקפות פון ביהמ"ד, ער האט נישט געוואלט גארנישט זאגן, און מען האט פארמאכט..

**רבינו:** מען זעהט ביי שמחת בית השואבה זענען אויך די נשים געקומען אין בית המקדש, דער תיקון גדול איז דאך ווען דעם געווען, מען האט נישט געזאגט מען זאל נישט קומען, נאר מען זאל קומען, און מאכן א תיקון.

**א' מהנוכחים:** מען זאגט פונעם **בעלזער רב** אז ער האט נישט געוואלט דאווענען אין א ביהמ"ד וואו עס איז נישט דא קיין ווייבער שוהל.

**גאב"ד ירושלים:** ביי הקהל איז דאך געווען אנשים ונשים, נשים למה באים וכו' (חגיגה ג.).

**רבינו:** מיין **טאטע ז"ל** פלעגט צו זאגן, אז אין בעלזא, ראש השנה און יום הקדוש ביי פתיחת הארון, מען זאגט שלש עשרה מדות און בריך שמיה, איז פון ווייבער שוהל געווען א געוואלדיגער קול וואס מען האט געוויינט, און דער **בעלזער רב** האט נישט ארויסגענומען די ספר תורה, ביז עס איז נישט שטיל געווארן אין ווייבער שוהל, און זיי האבן געענדיגט אלע זייערע תפילות.

**גאב"ד ירושלים:** דאכט זיך מיר אז דער **בעלזער רב** פאר כל נדרי פלעגט ער ארויפגיין אין ווייבער שוהל.
**רבינו:** ער פלעגט צו רעדן דארט.

[יום ד' אמור תשס"ט]

*

## • בענין ברכת כהנים, ואודות נשיקת יד אביו ורבו אחר ברכתם •

**רבינו:** [חסר ההתחלה] ..עס פעלט נאר די מצוה פארן כהן אין חוץ לארץ [שאין נושאים כפים בכל יום], אבער פאר די אידן פעלט נישט די מצוה [להתברך מהכהן], ווייל זיי זענען נכלל אין עם שבשדות[ב].

---

[ב] נצטט בזה משיחת **רבינו שליט"א** עם כ"ק **האדמו"ר מוויזניץ שליט"א** (קרית וויזניץ ב"ב), ה' וירא תשע"ז:

**האדמו"ר מוויזניץ:** איך האב געהערט זאגן אז דער **בעל התניא זצ"ל** האט געזאגט, אז לולא דמסתפינא וואלט ער געזאגט אז די כהנים זאלן דוכענען אויך אין חוץ לארץ.

**רבינו:** דער **גר"א** האט אויך געוואלט איינפירן אז מען זאל דוכענען אינדערוואכן, און ער האט געהאט אפגעשמועסט מיט די תלמידים אז דעם און דעם טאג וועט ער עס אנהייבן, און א טאג פאר דעם האט מען אים איינגעשפארט אין תפיסה. האט ער געזעהן אז עס איז נישט מן השמים אז מען זאל עס טון, האט ער צוריקגעצויגן (ראה בספר עליות אליהו דף ט"ז, ובשו"ת משיב דבר להנצי"ב סימן ק"ד).

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער **בעל התניא** איז געווען פריער, אדער דער **גר"א**?

**רבינו:** דער **גר"א** איז אוועק פארן **תניא** (הגר"א נולד בשנת ת"פ ונסתלק בשנת תקנ"ח, והבעל התניא נולד בשנת תק"ה ונסתלק בשנת תקע"ג).

**האדמו"ר מוויזניץ:** דער **תניא** שרייבט עס ערגעץ אין די כתבים?

**רבינו:** עס איז מקובל ביי די חב"ד חסידים אז ער האט אזוי געוואלט איינפירן (עיין בספר שערי הלכה ומנהג או"ח סימן ע"ה).

**האדמו"ר מוויזניץ:** די ספרדים דוכענען יעדען טאג אפילו אין חוץ לארץ.

**רבינו:** אין ארץ ישראל אליין איז אויך דא פלעצער וואו מען דוכענט נאר שבת.

**האדמו"ר מוויזניץ:** אין צפון דוכענט מען נאר ביי מוסף. אין גאנץ צפון נישט נאר אין גליל העליון, נישט נאר אין צפת און אין טבריה, נאר אפילו אין חיפה, חיפה הייסט אויך גליל, דוכענט מען אויך נישט, נאר ביי מוסף. ביי אלע מוספים, אפילו ראש חודש.

---

**רבינו:** דער אמת איז, אז פארן ציבור איז נישט קיין נפקא מינה צו די כהנים דוכענען, צו נישט. ווייל עם שבשדות ווערן דאך נתברך (סוטה לח., ובשו"ע או"ח סימן קכ"ח סעיף כ"ה). אז מען דוכענט אין ארץ ישראל, גייט עס ארויף אויף די גאנצע וועלט. עס איז נאר נוגע פאר די כהנים אז פאר זיי פעלט א מצוה. (ראה בשו"ת תשובות והנהגות (ח"א סימן ק"ל) האריך בזה אי בני חוץ לארץ הוי בכלל עם שבשדות, ועיין עוד **במהר"ם חגיז** בספרו **אלה המצות** (מצות נשיאת כפים) **ובשו"ת משיב דבר** (סימן ק"ד), שנקטו בפשיטות דבני חוץ לארץ הוי בכלל עם שבשדות).

**האדמו"ר מוויזניץ:** עס איז דא א יוד אין ארץ ישראל, נישט קיין וויזניצ'ער, אבער ער האלט זיך היימיש, און ווען איך בין אין חוץ לארץ האט ער מיך אינזין ביי ברכת כהנים. ער איז נישט א כהן, אבער ווען ער איז יוצא פון א כהן, האט ער מיך אינזין. [ראה בספר **חסד לאלפים** (שאלה ו' אות כ"א), **ובשו"ת תשובות והנהגות** (ח"א סימן ק"ל) שכתב בתוך דבריו: וכשאני בחוץ לארץ, נוהג אני לבקש שני כהנים מיוחסים בארץ ישראל לפרט שמי לפני נשיאת כפים, ולכוון בברכתם יום יום עלי, לקבל בזה ברכת הקב"ה על ידי כהנים, ומשלם אני להם דוקא איזה סכום להזכירם על כך. ולדעתי כשמברכין שכינה עמהם, וכשמפרט שם איזה יהודי שאינו יכול לבוא, ומתפלל שגם הוא יקבל הברכה, נראה דשעת הכושר היא להתברך. ועיין **בביאור הלכה** (סימן קכ"ח סעיף כ"ד ד"ה אם הם אנוסים). ובדרך שהבאנו נראה סגולה גדולה ונפלאה בעזהשי"ת ע"כ. - ובאגרת שכתב **השל"ה** לבני משפחתו בהיותו בארץ ישראל (אגרות ארץ ישראל סימן ל"ה) כתב בזה הלשון: 'הכהנים נושאים כפיהם בכל יום, ואני זוכר בכם, וממשיך ברכה על ראשכם' ע"כ].

איך האב לעצטענס געהערט, אז אין בארא פארק איז דא א ספרדישע בית המדרש. און עס איז דא יודען, מער ארץ ישראל'דיגע יודען, וואס זענען מהדר צו גיין אהין יעדן טאג צו הערן ברכת כהנים. עס שטייט דאך אין **זוהר הק'** אז ברכת כהנים איז גאר א הויכע זאך.

**רבינו:** די פאריגע וואך אין די פרשה שטייט ואברכך, שתהא הברכות נתונות בידך. - דער כת ש"ץ פון **שבתי צבי** האט אויך געוואלט איינפירן אז מען זאל דוכענען, און מען האט עס דעמאלטס צוריקגעהאלטן, אפילו א דבר טוב האט מען נישט געוואלט מקבל זיין.

**האדמו"ר מוויזניץ:** די גאנצע וואס די מתנגדים האבן געהאט א מלחמה מיט די חסידים, איז אלץ געווען ווייל זיי האבן חושד געווען אז זיי געהערן צו דעם כת.

**רבינו:** יא, מען האט מורא געהאט פון א נייע זאך.

עפ"י הלכה (או"ח סי' קכח סעיף מד ברמ"א) זעהט מען דאך, אז די מצוה פון ברכת כהנים דארף זיין בשמחה.

**גאב"ד ירושלים:** יא, די רמ"א (שם) זאגט דאך, אז דערפאר דוכנ'ט מען נישט אין חוץ לארץ, אפילו שבת אויך נישט.

**רבינו:** שבת איז נאר עונג, אבער קיין חיוב שמחה איז נישט דא.

עס איז א פלא אין די תורה אין פרשת תולדות, די פסוק זאגט אז יצחק האט געבענטשט יעקב'ן, האט ער אים געהייסן קודם קום צו און געב מיר א קוש, גשה ני ושקה לי בני, ער האט אים געקושט און דערנאך האט ער אים געבענטשט. אין די ראשונים שטייט דארט, אז דער טעם דערפון איז, ער האט געוואלט מעורר זיין אהבה צו אים.

**גאב"ד ירושלים:** אין פרשת ויחי שטייט דאך, וישק להם ויחבק להם (בראשית מח-י), שטייט אין **ספורנו**, 'כדי שתדבק נפשו בהם, ותחול עליהם ברכתו', דאס איז דער לשון הספורנו. דערפאר איז דאך ברכת כהנים 'באהבה', אין די תורה שטייט דאך נישט באהבה, עס איז א פלא די ברכה איז אייביג אזוי ווי די מצוה איז, ביי כיסוי הדם זאגט מען 'על כיסוי דם בעפר', ווייל אין די תורה שטייט אז עס דארף זיין בעפר, אבער דא זאגט מען 'וצונו לברך עס עמו ישראל באהבה, אין די תורה שטייט עס בכלל נישט, איז משמע אז דאס א תנאי אין די ברכה, [דהיינו כדי שתוכל הברכה לחול, צריכה להיות באהבה].

**והמשיך רבינו:** די וועלט פירט זיך ,אז ווען א טאטע בענטש א קינד, אדער ווען א רבי בענטשט, געט מען א קוש אויף די הענט שפעטער, נאכן אנוואונטשען. בפשטות וואלט מען געדארפט געבן דעם קוש קודם כדי מעורר צו זיין די אהבה, און נאכדעם קען חל זיין די ברכה.

**גאב"ד ירושלים:** יא יא.

**רבינו:** אפשר תוך כדי דיבור האט אויך די זעלבע כח.

[יום עש"ק וישב תשס"ח]

*

### • משתה גדול, שגדולי הדור מסובים שם •

**רבינו:** כ'האב א זוהן לערנען אין ארץ ישראל, און ער זאגט מיר אז ער קומט אסאך מאל אריין צום רב שבת.

**גאב"ד ירושלים:** מ'קומט זיך אביסל צוזאם פרייטאג צונאכטס און ביי שלש סעודות. נאר ס'איז נישטא קיין פלאץ מכבד צו זיין יעדן איינעם לפי ערכו...

**רבינו:** גדולה ווענדט זיך נישט אין כמות... ס'ווענדט זיך אין איכות...! אויף 'משתה גדול' (בראשית כ, ח) זאגט רש"י 'שהיו גדולי הדור מסובין שם'.

עס שטייט אין **תולדות ערוגת הבשם**, אז דער **ערוגת הבושם** האט אמאל געמאכט א שבע ברכות פאר א קינד, און דער **קדושת יום טוב** איז געקומען צום שבע ברכות. היות ס'איז געווען נאכמיטאג, האט דער קדושת יו"ט געפרעגט דעם ערוגת הבשם. צי ער האט צוגעגרייט א גרויסע סעודה וואס דעמאלטס דארף מען קודם דאווענען מנחה, און טאמער האט ער נאר צוגעגרייט א סעודה קטנה, דעמאלטס האט מען צייט צו דאווענען שפעטער. האט דער ערוגת הבשם געזאגט: קיין גרויסע סעודה האב איך נישט צוגעגרייט, אבער רש"י זאגט דאך אז א 'משתה גדול' מיינט א סעודה שגדולי הדור מסובין שם. ממילא איז עס א משתה גדול, דארף מען אפשר דאווענען מנחה פריער..

**גאב"ד ירושלים:** דער קדושת יום טוב איז אמאל געווען אין פרעשבורג ביי אן אסיפת הרבנים, האט דער **שבט סופר** איינגעלאדענט דעם קדושת יו"ט צו א מיטאג. האט ער געזאגט אז ער עסט נאר ווען ער איז אליין בודק דעם חלף. האט דער שבט סופר איהם געזאגט, אז די שוחטים פון פרעשבורג ציגן נישט דעם חלף פאר א פרעמדן רב נאר פאר'ן אייגענעם רב. ממילא איז א פראבלעם... אבער ער האט אן עצה פאר איהם: ער האט א זוהן א בחור וואס קען גוט הלכות שחיטה, און ער וועט יא ווייזן דעם חלף, **רבי עקיבא סופר זצ"ל** איז דעמאלטס געווען א בחור פון אכצן יאר, און ער האט איהם בודק געווען א חלף, און ער האט גע'שחט'ן, און דער קדושת יו"ט האט געגעסן.

[יום ד' חיי שרה תשס"ד]

*

### • דרכי האשכנזים והחסידים •

**גאב"ד ירושלים:** וואו וועט מען זיין שבת דאהי?

**רבינו:** איך מיין אין ביהמ"ד כתב סופר, שומרי החומות.

**הרב יחזקאל דוד לעפקאוויטש שליט"א מראשי מנהלי כולל שומרי החומות בארה"ק:** די רב וועט פירן דא שבת מיט די תלמידים.

**גאב"ד ירושלים:** אזוי, דאס איז נאך פון די עלטסטע שוהלן. - איינמאל זענט איר געווען אונזער גאסט

אין אנטווערפן לכבוד כולל שומרי החומות (אייר תשנ"ז).

**רבינו:** דער רב האט מיר דעמאלטס גערופען, בין איך געקומען. מצוה לשמוע דברי חכמים (יבמות כ.). - דער רב האט דעמאלטס אסאך געטון פארן כולל.

**גאב"ד ירושלים:** עס איז ביי מיר נישט קיין פרעמדע זאך דער כולל, איך בין אויפגעוואקסען מיט דעם. ווען איך בין געווען א קינד בין איך נאך געגאנגען מיט די פושקע פון כולל שומרי החומות.

**רבינו:** דער **שאמלויער רב** האט צוויי מאהל געהאלטן דארט א דרשה, אין ביהמ"ד כתב סופר.

**רי"ד לעפקאוויטש:** מען האפט אי"ה דאס בקרוב איבערצובויען, סיי מרחיב זיין, און סיי ארויפלייגען נאך א שוהל.

**רבינו:** מ'ווען דארט דאווענען ספרד?

**רי"ד לעפקאוויטש:** ניין, אשכנז'יש, דאס איז א תקנה, דאס קען מען נישט משנה זיין.

**רבינו:** אויף די צווייטע שטאק קען מען דאך שוין מאכן נוסח ספרד.

**רי"ד לעפקאוויטש:** די עיקר איז די כוונה פאר די כוללים, אז די ישיבה לייט זאלן אריינקומען, און אלעס זאל זיין אויף איין פלאץ..

**רבינו:** מאכט'ס א ספרד'יש מנין אויבן, פרעגטס א שאלה קודם, עס וואלט געדארפט זיין פאר ביידע, עס זאל זיין א ציבור וואס זאל זיך קענען קובע זיין דארטן.

**רי"ד לעפקאוויטש:** ווען עס איז געווען שאלות אויפן ביהמ"ד, זענען מיר געקומען צום רב.

**רבינו:** עס איז דאך א פרישער ביהמ"ד אויבן.

**רי"ד לעפקאוויטש:** למעשה האבן זיך מתנחל געווען דארט היינט די קהלת הפרושים, זיי האבן דאך נישט קיין געהעריגע ביהמ"ד, זיי דאווענען דארט, און זיי לערנען דארט.

**גאב"ד ירושלים:** עס איז דא ציבור דארט.

**רי"ד לעפקאוויטש:** איך בין געווען אפאר וואכן צוריק אין מירון אויף שבת, איז געווען דארט די קהלת הפרושים, ביי שלש סעודות האט מען געפראווועט אינגרויסען, און מען האט פארלאשען די לעקטער, און רבי משה בראווערמאן שליט"א האט געזאגט א דרשה דארט איבער א שעה [**גאב"ד ירושלים:** ער איז איידעם ביי הרב (רבי ישראל יעקב פישער זצ"ל], איך ווייס נישט צו עס איז געווען איינער וואס האט נישט געוויינט, אזא דרשה האט ער געזאגט, מען האט געזינגען זמירות כמובן, און געבענטשט, און נאכדעם האט מען געזינגען 'לדוד ברוך'.., געענדיגט עס איז שוין נישטא קיין פרושים.., עס איז שוין אלעס היינט..

**גאב"ד ירושלים:** נו, עס איז נישט קיין סתירה שלש סעודות, זאגן תורה, און לדוד ברוך..

**רי"ד לעפקאוויטש:** די אשכנזיש'ע האבן אלס געהאט אזא זאך אז מען טאר חלילה נישט משנה זיין, שלש סעודות טאר נישט זיין אין שוהל, און עס טאר נישט זיין ברבים, און תורה, און אויסגעלאשענע לעקטער.

**גאב"ד ירושלים:** אויסגעלאשענע לעקטער ווייס איך שוין נישט, אבער שלש סעודות און זאגן תורה און לדוד ברוך איז נישט קיין סתירה, עס איז אלעס תורה'דיגע זאכען.

**רבינו:** ביי אונז איז אויך דא אלעס אינאיינעם.

**א' מהנוכחים:** היינט איז שוין 'לדוד ברוך' נישטא.

**רבינו:** דא איז נאך געבליבן, ביי אונז איז שוין נישט דא כמעט, די אלע אשכנזים, פון זייערע קינדער איז שוין כמעט קיינער נישט דא וואס האלט מיט.

**רי"ד לעפקאוויטש:** זייערע קינדער דאווענען נוסח ספרד?

**רבינו:** אדער ספרד, אדער אוועקגעגאנגען אויף די ליטא[ג].

---

[ג]יצוין כאן מה שדרש **רבינו שליט"א** בדרשת פרקי אבות (פ' קדושים תשס"ח), בענין לשנות הנוסח הנהוג בבית מדרשינו מאשכנז לספרד, ואחר שהעלה מספרי הפוסקים מה שדנו בזה, הוסיף כדברים האלה: 'והנה הדיון הזה היה שייך בנידון של יחיד המתפלל נוסח אשכנז, או קהלה שמתפללים בנוסח אשכנז, ורוצים לשנות מנהגי ונוסחי קהלתם. לא כן אצלינו, שנתמעטו הזקנים המתפללים בנוסח אשכנז, עד שברוב המנינים המתפללים פה, אין להם מספר מנין בעצמם, ומהציבור הישן אין שום מבוא לקיום הקהלה והחזקתה, כי במשך שנים רבות לא ניתוסף גם אחד מהם. ורוב הציבור החדש שמתגוררים פה מתפללים מתחלה בנוסח ספרד, שאין רוצים לשנות נוסחתם, וגם אסורים הם לשנות מנוסח ספרד לאשכנז, ומחזיקים בתפלת ספרד, ואין הם מתפללים עם השליח צבור יחד. ועלתה השאלה באיזה אופן יתפלל השליח צבור, שאין רוב הציבור מתפללים יחד עמו, אלא איזה יחידים ממש. ודבר זה מונע מחברים חדשים להתחבר לקהלתינו, אשר הם ובניהם לא נתחנכו בנוסח זה, וממילא מתמעט גם המוסדות של תורה דקהלתינו, הן ברבוי העם והן במחזיקיה.

ודברתי בזה כמה פעמים עם הגאון הנ"ל **[בעל שבט הלוי זצ"ל]**, ואמר לי שעומק שאלה זו לא יוכל להבין רב אחר כל כך כמותו, שהוא נתגדל בקהילת השיף-שוהל בוויען, ואחר כך התגורר בין

**רי"ד לעפקאוויטש:** ביי די ליטווישע איז שוין אויך היינט אנדערש, עס טוט זיך קבלת פנים'ס מיט קוויטלעך..

**גאב"ד ירושלים:** איך האב נאר געלערנט אין ליטווישע מקומות, איך האב געלערנט זעכצן יאהר אין די ליטווישע מקומות, **הרב דסלר ז"ל** איז געווען 'שפיץ ליטא', אן אייניקל פון רבי ישראל סלנט'ער. רוב זאכן, מען קען זאגען אכציג פראצענט איז געווען פון חסידישע ספרים. לכל הפחות אכציג פראצענט. שפת אמת, צדקת הצדיק פון רבי צדוק הכהן, תניא, רבי נחמן ברסלב'ער, רבי מענדע'לע וויטעפסקער.

**רבינו:** ער האט נאכגעזאגט פון זיי אליין?

**גאב"ד ירושלים:** יא.

**רבינו:** ער האט ארויסגעזאגט?.

**גאב"ד ירושלים:** יא, לכה"פ אכציג פראצענט. אמאל אמאל האט ער געזאגט 'דער זיידע רבי ישראל', ער איז דאך געווען אן אייניקל פון **רבי ישראל סלנט'ער**, אבער רובא דרובא איז געווען פון חסידיש'ע ספרים. אזוי איז געווען אלע יאהרן.

**רבינו:** עס איז דא איין תורה, איין משה רבינו האט געברענגט די תורה, עס מוז אלעס אנקומען צו איין ווינקעל.

**גאב"ד ירושלים:** די אמת'דיגע גרויסע מענטשען האבן נישט געפירט קיין פאליטיק. ער פלעגט בכוונה אפצולאכן פון דעם, יענער קומט אויך פון ערגעץ!.., אזוי פלעגט ער זאגן ברבים. - ער פלעגט זאגן אזוי, אז דער וואס האלט נאר פון זיין רבי'ן, איז דער פשט אז ער האלט פון זיך, אז דאס איז 'זיין' רבי. ער פלעגט אזוי זאגן, עפעס א קלייניגקייט, איך?!, דאס איז דאך 'מיין' רבי!

**רבינו:** ונחנו מה, 'אונז' זענען גארנישט.

**רי"ד לעפקאוויטש:** מען זאגט, אז א בין מאכט כסדר אזא געברודער ווען ער פליעט ארום, דאס איז דער ניגון פון א בין, ער זאגט, איך בין, איך בין, איך בין...

**רבינו:** און נאכדעם געט ער א גוטן שטאך...

**גאב"ד ירושלים:** איך האב געמיינט אז דו וועסט זאגן די תורה, אז וואס איז דער חילוק פון א בין און א שפין, א בין נעמט צוזאם פון אומעטום דאס איז

---

אנשי שאר קהלות, חסידים וליטאים. ודעתו שאין זה צריך בושש, שמותר לעשות כמנהג הרוב, וזהו טובת הקהלה עצמה שלא תתבטל לגמרי. - וכל זה הוא גם אם היו צריכין לכוף את טובי הקהל לעשות כן, ומכל שכן בנידון דידן שזה נעשה בהסכמת כל ראשי הקהלה וטובי הקהל. - ומפורש גם בהתקנות (שטאטוטן) של הקהלה, שהציבור יכולים לשנות לטובתם גם בזה.

ידוע לכולנו התפארת וההוד והתמימות של יהודי אשכנז שהיה עד להפליא. וחבל שלא היה לו המשכה גם להלאה במדינה זו. והשינוי לנוסח ספרד אין בזה שום זלזול ח"ו כלפי יהודים הללו, אלא המציאות של הדור החדש הביאה לידי כך. - ולא ללמוד מזה ח"ו להקל בשום מנהג קל, כי הכל נעשה בהוראת חכם אחר שיקול הרבה בכובד ראש, לטובת המשך הקהלה שלא תתבטל לגמרי, כי גם התלמידים בתלמוד תורה ובמתיבתא דקהלתנו מתפללים בנוסח ספרד, ואי אפשר להם להסתדר בקהלתנו.

קהלתנו הק' נתיסדה על ידי בעלי בתים חשובים בעלי מסירת נפש, שלא היו מוכנים לוותר על נדנוד קל מיהדות, ומשום דבר שהיה קדוש בעיני אבותיהם. והגם שהלכו בלבוש קצת שונה מימינו, לבוש האשכנזי, אבל פנימיות לבם בער באש קודש, והיו מוכנים למסירת נפש על כל דבר שבקדושה. אבל לדאבונינו כמעט שלא נשאר מהם, וצאצאיהם לא המשיכו דרכיהם, ומפוזרים הם בקהלות שונות, יש שהגיעו לחוגי החסידים, ויש שהגיעו לחוגי הליטא. והמציאות הוא שכמעט לא נשאר במקומינו מסוג היהודים הללו. ובסיבת הדבר שמעתי ביאור רחב מהגאון ר"ש וואזנער (שליט"א) [זצ"ל], אבל אינו נוגע כעת, ובעזה"ה בהזדמנות אחרת אפרט אותם.

ומסיבות שונות נתהוה, שציבור גדול שהם ואבותיהם מתפללים בנוסח ספרד, קנו מקומם כאן בבית מדרשינו, וממש מיעוטא דמיעוטא נשארו שעדיין מחזיקים להתפלל בנוסח אשכנז. ומציאות הדברים שאם לא שנתוספו הציבור החדש, לא היה ביכולת להתקיים הקהלה, ולהמשיך מוסדותיה התלמוד תורה והישיבה מהציבור הקדום, והיה עלול להסגר לגמרי, וגם ראשי קהלתינו הבינו צורך השעה שיש בזה.

..ובימי חנוכה [תשס"ח] העל"ט הייתי בארצינו הקדושה ובקרתי אצל הגאון הנ"ל [בעל שבט הלוי] שליט"א, ושאל אותי בתמיה, מען האט נאך אלס נישט געטוישט. ולאחר שדיברנו עוד הפעם על ענין הנ"ל אמרתי לו, שאף על פי כן אני ירא לשנות. ואמר לי, שהרב על בני קהלתו, הוא כמו האב על בניו, שצריך לשקוד על טובתם, ורק האב המכיר את טבעי בניו, יוכל להכיר מהו טובתם האמיתי. ואם הכוונה הוא לשם שמים להרבות גבולי הקדושה אין להתיירא. ובירך אותי אז בברכות חמות כאלו, אשר אב המוליך את בנו לחופה אינו מברך אותו ככה. - וכמה ענינים שעברו מאז, וראיתי סייעתא דשמיא מיוחדת, ואני תולה אותן בהברכות שקבלתי אז מרב האי גאון, מזקני הרבנים בדורינו' ע"כ. - הדברים במילואם נדפס בשמן ראש ויקרא חלק י"א (רצ"ט), תדרשנו משם לטובה.

האניג, א שפין געט ארויס אייגענס, דאס איז שפין וועבאכטס..,, אמאל איז מען מלקט פון גוטע ספרים, און אמאל זאגט מען אייגענס.

**רבינו:** תורה איז מתוקים מדב"ש..

**ונתן לו רבינו את ספרו 'שמן ראש' על חנוכה ואמר:** אז דער רב וועט אריינקוקען, וועט מיר דער רב כאטשיג אינזין האבן, מתוך כך זוכרהו.

**גאב"ד ירושלים:** אה, זייער גוט, איך פרוביר צו זיין 'א בין', עס קען מיר צונוץ קומען..

[יום עש"ק וישב תשס"ח]

*

**גאב"ד ירושלים:** וואס מאכט די קהילה קדושה?

**רבינו:** ברוך השם.

**גאב"ד ירושלים:** עס איז א שיינער ציבור, איך האב געזעהן ווען איך בין געוועזן דארט פאריאהר. (הגאב"ד זצ"ל השתתף בסעודת הילולא של מרן הגה"ק רבי יונתן שטייף זצוק"ל אב"ד דקהלתינו, בהיכל בית מדרשינו בוומסב"ג, שנת תשס"ח במלאות חמישים שנה לפטירתו).

**רבינו:** יגדיל תורה ויאדיר.

עס איז שוין היינט בטל געווארן די קהילות אזוי ווי עס איז געוועזן אינדערהיים.

**גאב"ד ירושלים:** לצערינו הגדול.

**רבינו:** דאס איז נאך אביסל מעין אזוי.

א פלא אז עס האט זיך נישט אזוי געהאלטן די אשכנזים, עס איז נישט געבליבן פאר זיך[ד].

**גאב"ד ירושלים:** יא, דאהי אויך וויניג.

**רבינו:** אדער איז מען אריבער צו די חסידים, אדער אריבער צו די ליטוויקעס.

**גאב"ד ירושלים:** די עיקר איז אז ב"ה מען האלט זיך ערליך, מען איז נישט געווארן וויניגער, און מען גייט בדרכי התורה.

[יום עש"ק וישב – ערב חנוכה תש"ע]

*

## • אודות הגה"ק המהר"ם שיק זצ"ל •

**רבינו:** וויאזוי שפירט זיך דער רב?

**גאב"ד ירושלים:** ב"ה, איך בין געוועזן אביסל טרוד, כ'האב געהאט צוויי אפעראציעס אויף די אויגען.

**רבינו:** די עינ"י העד"ה. - דער **חתם סופר** האט געזאגט אויף זיין רבי'ן **דער הפלא"ה**, אז סוף ימיו האט ער שוואכער געזעהן, האט ער געזאגט אז זייט ער זעהט שוואכער זענען אים די עיני השכל שטערקער געווארן. כחשיכה כאורה האט ער געזאגט, כחשיכה, אזוי ווי עס איז אים חשיכה אויף די אויגען, כאורה, איז אים דער אור השכל שטערקער געווארן[ה].

**גאב"ד ירושלים:** ביי אונז, אז מען קען נישט זעהן די קליינע אותיות, איז שווער צו לערנען.

**רבינו:** עס איז דא געדרוקט תולדות פון **רבי שאול בראך זצ"ל**, שאול בחיר ה', ער איז געוועזן א תלמיד פונעם **מהר"ם שי"ק**, האט ער דערציילט, אז א תלמיד איז אמאל אריינגעקומען צום מהר"ם שיק, און ער האט אים געטראפען וויינען, פרעגט ער פונעם מהר"ם שיק אויף וואס די רבי וויינט, זאגט אים די מהר"ם שיק, עס איז געוועזן סוף ימיו, ער

---

[ד] רבינו שליט"א העלה בזה בהספידו על **הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל** (ז' אדר תשע"ו) מה ששמע ממנו בביאור הדברים, וז"ל: 'שאלתי אותו פעם, הלא אנשי קהלות אשכנז היו יראים ושלמים ותמימים להפליא, למה לא נמשך זאת אחר כך גם להלאה ביוצאי חלציהם, ולא זכו שישאר ציורו ותוארו אחר המלחמה. והשיב לי, אני אסביר לכם, שני גורמים היו לזה. חדא, כי שיטתם היתה העיקר על העבודה שבלב, להיות ירא וחרד את ה' בכל דבר. אבל בלבוש החיצוני הקפידו שלא להיות בולט מאנשי המדינה. ולכן לא רצו ללבוש שטריימל בשבת. ובניהם אחריהם שנתקרבו לחסידות בחרו ההיפוך, כי רק השינוי החיצוני במלבושי יהדות, יהיה לחומה שלא יתערבו בין העמים. שנית, כי שיטתם היה טוב תורה עם דרך ארץ, שאין להשאר באהלה של תורה רק יחידי סגולה, והשאר צריכין לצאת ללמוד אומנות וחכמות חיצוניות, ובניהם שלמדו בישיבות של ליטא, נתעודדו להמשיך באהלה של תורה כל זמן שיכולים, ולכן נעשו קרח מכאן וקרח מכאן ונתמעטה והלכה קהלתם. וסיים ואמר, עוד אני אומר לכם, מפני שלא הקפידו על טהרת הטבילה, ורק יראת ה' טהורה עומדת לעד, ולא כאשר חסר הטהרה' ע"כ.

[ה] בספרי מרן החת"ס מובא הרבה פעמים פירוש זה עה"פ כחשיכה ראורה בשם רבו ההפלא"ה, עיין בתורת משה פ' שמות ובפ' בהעלותך, ובדרשות ח"א קא:, וכ"כ בספר הפלא"ה (פתחא זעירא אות יד).

ובספר ליקוטי חבר בן חיים (פ' בא ד"ה הנה) כתב בשם החת"ס: 'הי' מרגלא בפומי' דהגאון בעל הפלאה זצ"ל, אשר סוף ימי חייו חשך מאור עיניו, והיה קורא על עצמו כחשיכה כאורה, לומר מעת שחשך מאור עיניו, שכלו אור בעדו. וזה יען מהמוח תצא שפע לכל החמשה חושים, ואם אחד מהחושים יחסר, ישאר הכוח הזה על מקומו, ויחזק כח השכל עי"ז' ע"כ.

געוועזן א סגי נהור, זאגט ער אים, ווען איך וואלט ווען געוואוסט אז איך וועל אמאל אזוי אויסזעהן, וואלט איך פלייסיג'ער געלערנט אין די יוגענט. האט ער געזאגט, האב מען געפרעגט דעם רבי'ן דעם מהר"ם שיק, דעמאלס וואלט די רבי געלערנט פינף און צוואנציג שעה אין א מעת לעת?, פיר און צוואנציג שעה האט ער דאך אזוי אויך געלערנט, האט ער געזאגט ניין,, איך האב פלייסיג געלערנט, איך האב קיינמאל נישט אנגעברענגט קיין צייט, איך בין זיך נישט מתאונן אויפן התמדת הלימוד, נאר איך וואלט געלערנט מער אויף אויסוויניג, אז ווען איך וועל נישט קענען זעהן, זאל איך קענען לערנען תורה. אויף דעם האט ער מתאונן געווען[ו].

ער ברענגט דארט אויך צו, אז דער מהר"ם שיק האט סוף ימיו פארגעלערנט די שיעור פאר די בחורים, און ער האט שוין נישט געזעהן, און ער פארגעלערנט די גמרא און די רש"י און תוס', אזוי ווי וואלט געהאט אפן א גמרא, און ער שרייבט דארט, אז רבי שאול בראך האט געזאגט, אז איינמאל האבן די בחורים געוואלט פרובירן, אפשר זעהט ער דאך עפעס, און מען האט אים איבערגעדרייט די גמרא צום שיעור, און ער האט פארגעלערנט אזוי ווי געוועגטליך[ז].

**גאב"ד ירושלים:** אין די וועלט זאגט מען, אז דעם מהר"ם שיק'ס כשרונות זענען נישט געוועזן עפעס אויסער געוועגטליך, נאר זיין התמדה.

**רבינו:** עס איז שווער צו פארשטיין, אבער אזוי איז אנגענומען[ח].

---

[ו] כ"כ הגר"ש בראך זצ"ל בעצמו בספרו חלק לעולם הבא (אבות פ"ב מ"ח) וז"ל: הגיד לי משמשו של מרן הגה"ק בעל מהר"ם שיק זצ"ל, שפעם בעת שהיה מרן זצ"ל סגי נהור ל"ע, מצאו משמשו בוכה, הוא שאל את רבו למה רבינו בוכה, והשיב לו מרן זצ"ל, אילו הייתי יודע שאבוא לידי כך היאך הייתי לומד, על זה שאלו משמשו, ואם רבינו היה יודע זאת האם היה רבינו לומד כ"ה שעות ביום, משמשו סיפר שהמהר"ם שיק נהנה ממה שאמר לו, והכיר על פניו הקדושים שנחה דעתו, על זה השיבו המהר"ם שיק, מיום עמדי על דעתי לא ביליתי אפילו רגע אם היה אפשר ללמוד, רק אם הייתי יודע שאבוא לידי כך, הייתי ממעט בלימוד, ומרבה לחזור על הלימוד ע"כ.

[ז] וז"ל הגר"ש בראך זצ"ל בספרו 'חלק לעולם הבא' (פ"ו מ"ב): אוסיף עוד לספר נפלאות בענין זה, התלמידים ראו כן תמהו שמרן למד כל השיעורים התמידים עם תלמידיו בעת שהי' סגי נהור, ולא שינה בלשון רש"י ותוס', כל כך היתה כל התורה אצלו כמונח בקופסא. והיו בין התלמידים שאמרו שאין במציאות לזכור לשון הגמרא ורש"י ותוס' בלי שום שינוי, וסברו שודאי יש לו קצת ראי', וכשעמד רבנו ללמוד השיעור לישיבתו, הפכו הגמרא מראשה לסופה, ורבנו לא שינה באות אחת, ואז ראו והבינו כי מתנת השם הוא ליראיו. ולאחר כל אלה בכל ערב יום הקדוש ביקש מחילה מספריו בבכי' על שלא למד בהם כראוי ע"כ.

[ח] נצטט בזה מתוך דרשת ז' אדר של רבינו שליט"א בשנת תשע"ו, אחר שדיבר על התמדתו בתורה של **הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל**, המשיך ואמר: דער מהר"ם שיק ווייסט מען, אז ער האט אויך געהאט א שוואכן קאפ. ס'שטייט אין דרכי משה החדש תולדות פון **מהר"ם שי"ק**, אז דער מהר"ם שיק האט געזאגט אויף זיך, אז אין די יוגענט האב איך געהאט א קאפ, אין אונגאריש האט מען דאס גערופן א "טוק", אזוי האט מען גערופן א קירבע, און איך האב דאס אויסגעארבעט אז איך זאל האבן א מענטשליכן קאפ. אלעס איז געקומען פון די יגיעה. און ער פלעגט צו זאגן פאר די בחורים אין די ישיבה, אז ר' אלעזר בן חרסום האט מחייב געווען די עשירים, און הלל האט מחייב געווען די עניים, איך בין מחייב — האט דער מהר"ם שיק געזאגט — די וואס האבן שוואכע כשרונות און זיי לערנען נישט! ווייל איך האב נישט פארשטאנען קיין גמרא ווען איך האב מיך געזעצט לערנען, איך האב נישט געדענקט וואס איך האב געלערנט, אבער איך האב מיך קיינמאל נישט מייאש געווען, איך בין איבערגעגאנגען פערציג מאל יעדע שורה גמרא ביז איך האב פארשטאנען וואס איך האב געלערנט, און איך האב פארגאסן טרערן צום אייבערשטן אז דער באשעפער זאל מיר געבן שכל איך זאל פארשטיין לערנען, און איך האב געשפירט ווי ס'עפענט זיך מיר דער מח נאך און נאך און נאך, ביז ער איז אויסגעוואקסן אזא גדול ווי דער מהר"ם שיק איז געווען.

משה רבינו, די לעצטע ווערטער וואס ער האט גערעדט צו אידן האט ער זיי געזאגט (דברים לב-מו), שימו לבבכם לכל הדברים לשמור לעשות את כל דברי התורה הזאת כי לא דבר ריק הוא מכם, די תורה איז נישט פון ענק ליידיג, כי הם חייכם, דאס איז ענקער לעבן, ובדבר הזה תאריכו ימים, מיט דעם וועט עטץ מאריך ימים זיין, שטייט אין ירושלמי (פאה ג-א), אם ריק הוא, ווען דו זעהסט אז די תורה איז ליידיג, מכם הוא, איז דאס פון ענק, בשביל שאין אתם מתייגעים בה, ווייל עטץ האטס ענק נישט געפלאגט. ווען מ'פלאגט זיך אויף תורה איז נישטא קיין ריק, אפילו א מענטש איז א חלש און ער האט א שוואכע תפיסה, אבער אז מ'לייגט זיך אריין אין תורה, און מ'לאזט זיך

נישט שטערן פון אלע שטותים פון די נייעסן וואס ס'איז דא אויף דער וועלט, ס'אינטערסירט אים גארנישט נאר אפצולערנען נאך א בלאט און נאך א בלאט, סוף כל סוף וואקסט מען אויס.

דאס איז א מוסר השכל פאר אונז אלע, סיי פאר בחורים, סיי פאר יונגעלייט. איך וועל אנהייבן מיט די בחורים, ס'איז דא אסאך מאל בחורים אין ישיבות וואס זיי זעהן נישט קיין סימן ברכה אין זייער לערנען. ס'איז נישט ווייל זיי האבן א שוואכן כשרון וועגן דעם זעהן זיי נישט קיין סימן ברכה, נאר ווייל זיי האבן נישט קיין 'רצון' און זיי האבן נישט קיין 'התמדה', ווען ס'וואלט געווען רצון, אז מ'וויל, און ס'איז דא התמדה פלייסיג לערנען, קומט מען אן! ס'קומט אן אביסל שווערער אבער מ'קען אנקומען. מ'שטייט שוין סוף זמן ס'איז שוין חודש אדר, ס'איז נאך דא צוויי חדשים ביז צום קומענדיגן זמן, אז מ'לייגט זיך אריין אין תורה און מ'לערנט בלאט נאך בלאט, נישט אויפשטעלן זיך ביז איך קען נישט די קשיא די תירוץ א.א.וו. סוף כל סוף וועט מען זעהן שפעטער פירות אינעם עמל וואס מ'האט זיך געפלאגט.

יונגעלייט, איך רעד נישט פון די וואס האבן זוכה געווען צו זיצן אין כולל און לערנען, איך רעד פון בעלי בתים. ס'איז דא חבורות, ביי אונז איז דא 'ובהם נהגה', אין אנדערע פלעצער איז דא אנדערע חבורות וואס מ'לערנט, נישט קיין סאך, אן עמוד א טאג, א חודש לערנט מען צען בלאט, מ'האט געגעבן צייט אז מ'זאל עס קענען איבער'חזר'ן, ס'איז דא א בחינה וואס מ'שטעלט זיך סוף חודש. פארוואס קען זיך נישט יעדער יונגערמאן שטעלן צו אזא בחינה? פארוואס קען ער נישט נעמען אויף זיך איינמאל א חודש אז וואס מען לערנט איבער'חזר'ן נאכאמאל און נאכאמאל ער זאל עס געדענקען און זאל זיך קענען פארהערן? ווייל ער טראכט ס'איז נישט פאר מיין השגה, איך שפיר נישט אז איך קען עס דערהייבן. אם ריק הוא, אז דו שפירסט אז דו ביסט ליידיג זאלסטו וויסן מכם הוא, דאס איז פון ענק, שאין אתם מתייגעים בה, ווייל מ'פלאגט זיך נישט. ווען מ'פלאגט זיך אויף תורה, ווען מ'האט א רצון אז מ'וויל, איך וויל עס קענען און מ'וועט אויסנוצן די צייט, וועט מען עס קענען. טעמו וראו כי טוב ה', פרובירטס, הייבטס אן, נעמטס א חודש די בחינה פון דעם חודש, עטץ וועטס שפירן וואס פארא טעם און תענוג ס'איז אז מ'קען וואס מ'האט געלערנט, און מ'פארשטייט וואס מ'האט געלערנט, און מ'האט וואס צו טראכטן אין תורה, וועט מען זעהן נאכדעם אז מ'קען שפעטער אסאך און אסאך מער אנקומען.

**גאב"ד ירושלים:** אין **סדר הדורות** (ח"א, ד"א תתקכ"ז) שטייט אזוי אויפן **רמב"ם**, דער טאטע האט אים גערופען בן הקצב[ט].

**רבינו:** איז א סימן אז מענטש האט אמאל באהאלטענע כשרונות, וואס ער דארף עס ארויסברענגען.

**גאב"ד ירושלים:** עס שטייט באשריבן א מעשה פונעם **מהר"ם שיק**, אין חוסט האט געוואוינט א איד, עס איז דא א נאמען, ר' לייב טעללער, אז עס איז געווען אשתו מקשה לילד, איז ער געגאנגען צום מהר"ם שיק בעטן אז ער זאל מתפלל זיין, און ער האט נישט געקענט אריינגיין, ער האט געהאלטן אינמיטן לערנען, די התמדה איז געווען עד אין שיעור, האט ער געקלאפט אויפן פענסטער, און ער עפענט אויף, האט ער געזאגט, די רב זאל מוחל זיין, מען וויל מזכיר זיין א מקשה לילד, האט דער מהר"ם שיק געזאגט, לאז מיר נאכאמאל איבערלערנען דעם תוספות, און ער איז געשטאנען דארט צען מינוט, און דערנאך האט דער מהר"ם שיק אויפגעמאכט די פענסטער, און געזאגט, די ר"י בעל התוס' שיקט א מזל טוב.., איך בין געווען א סנדק ביי א אייניקעל פון דעם קינד וואס ביי אים איז געווען די מעשה.

**רבינו:** זיי זענען גרויסע לייט געווען.

[אלול תשס"ח]

*

### • אודות רבו הגאון רבי משה שניידער זצ"ל •

**רבינו:** דער עולם וויל הערן פונעם רב א ווארט אויף חנוכה.

---

[ט] וז"ל שם: כתב בשלשלת הקבלה דף מ"ה סוף ע"ב, ראיתי בקונטרס ישן, כי ר' מיימון אביו לא היה רוצה לקחת אשה, ויהי כמו בחצי ימיו בא לו בחלום איש אחד, וצוה לו שיקח לאשה בת קצב פלוני שהיה דר בעיר אחת קרובה לקורדובה, והיה מהתל מזה החלום, וירא לו זה החלום פעמים רבות, עד שלקחה ותהר לו, ותלד לו את הרמב"ם, ותקש בלדתה ותמת, ואח"כ לקח אשה אחרת ויהי לו בנים ממנה. וזה הרמב"ם היה קשה ההבנה מאד, שמעט רצון היה לו בלמוד, ואביו היה מכהו עד כי נואש ממנו, וקראו 'בן הקצב' ויגרשהו מביתו. והרמב"ם הלך לו לבית הכנסת, ויישן וייקץ ומצא עצמו נהפך לאיש אחר, וברח מפני אביו, וילך אל עיר שהיה שם הרב ר' יוסף אבן מיגאש, והתחיל ללמוד ממנו, והפליג להתחכם.. ע"ש.

**גאב"ד ירושלים:** זיי ווילן הערן פונעם וויענער רב .
**רבינו:** פון מיר הערן זיי געגוג. א קליינינקייט זיי זאלן געדענקען עפעס .
**גאב"ד ירושלים השתמט ואמר:** איך בין א נוגע בדבר, איך וויל אויך האבן וואס צו געדענקען.
**והמשיך הגאב"ד ואמר:** מיין ראש ישיבה **רבי משה שניידער** זצ"ל פלעגט צו זאגען חנוכה. קינדער, חנוכה איז א דרבנן, לערנען איז דאורייתא, קינדער גייטס לערנען..
איך האב געלערנט ביי אים אסאך יארן, היינט איז טאקע דער יארצייט, ער איז געווען א גרויסע רבי. אז מען האט געוואלט אויפשטיין פארטאגס, איז ער געקומען צו גיין פון זיין שטוב צום בחור'ס שטוב, עס איז נישט געווען אין דער זעלבן הויז, אויפצווועקן איין בחור. איך בין אויך געווען דער בחור..
**רבינו:** זיי האבן מרביץ תורה געווען מיט מסירת נפש. עס איז געווען דעמאלטס שווערע צייטן, מלחמה צייטען, און זיי האבן נישט נאכגעלאזט .
**גאב"ד ירושלים:** ביי פרישטאג האט די טאכטער זיך געפארעט דארט צוצוגרייטן די פרישטאג, און ער האט מיר אויפגעוועקט דעמאלס פארטאגס, האט ער געזאגט בפני קהל ועדה, גיטל מאך אים א אייער-שפייז, ער איז אויפגעשטאנען פארטאגס לערנען. ער האט געוואלט מחזק זיין לומדי תורה.
**רבינו:** אמאל איז איין גוט ווארט וואס א ראש ישיבה זאגט, מאכט מער רושם ווי א גאנצע דרשה .
**גאב"ד ירושלים:** ער איז געווען א געוואלדיגער רבי. ער איז געווען א רבי, מיט א טאטע, און א זיידע, אלעס. צו יעדן בחור.
**רבינו:** עס איז געווען אסאך וואס האבן טאקע נישט געהאט קיין טאטע אויסער אים.
**הרב עמרם שפירא שליט"א משב"ק הגאב"ד זצ"ל:** דער רב זאגט אלס, עס איז געווען אכציג בחורים אין די ישיבה, און אלע זענען געווען פליטים פון די מלחמה. עס איז געווען אפאר לאנדאנער קינדער, זענען זיי אויך געווען יתומים.

[יום ד' מקץ, א' דחנוכה תשע"ח]

*

### • אודות הגאון רבי יונתן שטייף זצ"ל •

**גאב"ד ירושלים:** איך האב איינמאל זוכה געווען צו זעהן און צו הערן **רבי יונתן שטייף זצ"ל**, בעפאר ער איז געקומען קיין אמעריקע, פון שווייץ איז ער געפארן קיין לאנדאן, ער איז געווען אויף א שבת אין לאנדאן, און ער האט געהאלטען א דרשה, איך בין געווען ביי די דרשה.
אין אנטווערפען האט געוואוינט א פעסטער איד [מעיר בודאפעסט], האט ער מיר געזאגט, אז ווען זיין שוועסטער האט חתונה געהאט מיט א אמעריקאנער רב נאך פאר די מלחמה, זי איז געווען א גרויסע עסקנית אין צדקה זאכן, אסאך געטוהן פאר ארימעלייט, געווען נאנט מיט די פאליציי, ביי די חתונה זענען געווען מיניסטארן, און מען האט געדרשנ'ט, די לעצטע דרשה איז געווען פון רבי יונתן שטייף, האט ער געזאגט, מען האט שוין געזאגט אלע שבחים, אבער יעצט דארף מען חזר'ן דעם אלטן כלל, כל כבודה בת מלך פנימה.., דאס האב איך געהערט פון א ברודער פון די כלה.
**רבינו:** דאס איז די שענסטע פון אלעם.

[אלול תשס"ח]

*

### • אודות הרה"ק בעל אמרי חיים מוויזניץ זצ"ל •

**רבינו:** איך האב געהערט דערציילען, אז דער **אמרי חיים** איז געווען אין די ערשטערע יארן אין אמעריקא אין אנהייב די יו"ד יארן, און דער עולם האט זיך דעמאלטס אנגעהויבן מסדר צו זיין. און ער איז געווען אויף פסח אין וויליאמסבורג. און א טאג צוויי פאר פסח, איז ער אדורך געפארן ליע עווניו, און ער האט געזען ווי אזוי די גאסען זענען פיל מיט מאמעס און קינדער, און מען גייט ארום איינקויפן, און ער האט געהאט א געוואלדיגע הנאה, צו זען ווי אזוי עס האט זיך אנגעהויבן נאכן חורבן צו אנטוויקלען. אז ער האט געזאגט פארן דרייוועך, אז ער זאל נאכאמאל אריבערפארן די גאס, ווייל ער האט א תענוג עס צו זען. דא איז אויך א תענוג צו זעהן, ווי אזוי די שוקי ירושלים זענען אנגעפילט. מען קומט און מען קויפט.
**גאב"ד ירושלים:** איך געדענק דעם **אמרי חיים** ווען ער איז געווען תש"ו אין לאנדאן, ער איז געווען צוזאמען מיט זיין ברודער דער **סערעט'ער רב**, אויף א לענגערע צייט. דעמאלטס האט ער געשאפן געלט פאר זיין שיכון. איך בין געווען א בחור, און ער איז איינגעשטאנען אין שכינות פון די ישיבה, פלעג איך גיין משלים זיין מנין. עס איז געווען דעמאלטס

נאך די מלחמה, א צובראכענע צייט, האט ער אויסגעלערנט די וויזניצער ניגונים. - ווען איך בין אמאל געווען אין ארץ ישראל, האב איך אים געזאגט אז איך פלעג קומען. האט ער מיר געזאגט, דעמאלטס האט נאך דער עולם מיר נישט געגלויבט אז איך וועל מאכען א שטעטל, עס איז געווען אזוי ווי א חלום.

[יום ד' מקץ, ערב חנוכה תשע"ד]

*

## • בעניני מצות מילה והמסתעף •

**רבינו:** שוין לאנג צוריק בין איך געווען אויף א ברית, און איינער האט גערעדט דארט א דרשה. האט ער געפרעגט א 'איסתפקתא', ווער איז געווען דער מוהל פון יעקב אבינו? צי דער פאטער יצחק, ווייל דער טאטע איז דאך מחוייב צו מל'ן דאס קינד. אבער ס'קען זיין אז וויבאלד אברהם האט נאך געלעבט, און דער אייבערשטער האט אים מצווה געווען אז ער זאל מל'ן אלע 'ילידי ביתו' (בראשית יז. יב), איז אפשר געווען דער חיוב אויפ'ן אייניקל אויך. אז אברהם זאל זיין דער מוהל. (ואפי' למ"ד דיעקב דנולד מהול, אכתי הוצרכו להטיף ממנו דם ברית).

**גאב"ד ירושלים:** א שיינע שאלה...! 'ילידי ביתו' מיינט מען פשוט די עבדים (עי' פרש"י). און בפשטות איז אופן זיידן נישטא קיין חיוב מילה אויף די אייניקלעך.

**רבינו:** געוועונטליך נישט. אבער דא אז ס'שטייט (שם ט) 'אתה וזרעך אחריך'. קען זיין אז דער אייבערשטער האט איהם מצווה געווען אויף זיינע קינדער. ביי לימוד התורה איז יא דא א הלכה, אז א זיידע האט א חיוב אויף די אייניקלעך (קידושין ל., יו"ד סי' רמ"ה ס"ג).

**גאב"ד ירושלים:** יא. אויף דעם שטייט דאך בפירוש (דברים ד. ט) והודעתם לבניך 'ולבני בניך'! **הגאון רבי עקיבא איגר** זאגט דאך א חידוש אין א תשובה (סי' מ"ב), אז די ברכה להכניסו בבריתו של אברהם אבינו איז שייך ביי א זיידע אויך. פארוואס, ווייל אין **לבוש** (יו"ד סי' רס"ה) שטייט אז די ברכה להכניסו גייט נישט ארויף אויפ'ן ברית מילה נאר אויף דעם ברית פון תורה, ווייל ס'שטייט ביי אברהם למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו (בראשית יח. יט). זאגט רעק"א אז וויבאלד א זיידע איז דאך מחוייב צו לערנען תורה מיט דעם אייניקל, ממילא איז שייך ביי איהם די ברכה וצונו להכניסו בבריתו של אברהם אבינו.

**הרה"ח ר' גרשון שטעמער ז"ל:** אין הלכות תלמוד תורה (יו"ד סי' רמ"ה) ברענגט דער **ש"ך** (סק"א) אראפ פונעם **כסף משנה** (ריש פ"א מהל' תלמוד תורה), אז אפילו ביי אן 'אור אייניקל' איז אוך דא א חיוב אויפן עלטער-זיידן. ער זאגט דארט אז טאמער דאס אייניקל האט נישט צו צאלן שכר מלומדות פאר זיין זוהן, ליגט אויפ'ן זיידן דער חיוב. לכאורה איז דער חיוב אויף אלע דורות אהן קיין הפסק.

**גאב"ד ירושלים:** דער **מנחת חינוך** (מצוה ב') קלערט א שאלה ביי מילה פון איינעם וואס איז שוין נאכ'ן בר מצוה, צי דער טאטע האט נאך אלץ דעם חיוב ע"ש. לכאורה וועגדט זיך דאס אין די שאלה, צי דער חיוב ליגט אויפ'ן קינד אליין אדער אויפ'ן טאטן.

**רבינו:** ס'זענען דא וואס ווילן זאגן, אז אפילו באלד נאכ'ן אכטן טאג איז שוין דער חיוב אויפ'ן בית דין. דער טאטע איז נאר עוסק אין דעם, ווייל ס'איז בידו (עיין במחצית השקל סי' תמ"ד סקי"א)ʼ.

**הר"ר משה מנחם אדלער הי"ו:** אין דעם איז דא א

---

ʼ ובדרשת שבת שובה (שנת תשע"ג) אמר רבינו שליט"א ליישב בזה שיטת הירושלמי (קידושין א-ז) דיליף מצות מילה על האב מדכתיב (ויקרא יב-ג) ביום השמיני ימול בשר ערלתו ע"כ. וכן כתבו הרמב"ם בספר המצות (מצוה רטו) והסמ"ג (מצוה כח) כדברי הירושלמי. והמפרשים תמהו דהיכי מוכח מקרא זה דחיובו הוא על האב. ואי מיתורא דקרא, הרי צריכין קרא זו דביום, דמילה דוחה את השבת וכדאיתא בגמרא (שבת קלב.). ובש"ס דילן (קידושין כט.) יליף לה מדכתיב (בראשית כא-ד) וימל אברהם את יצחק בנו, ובמה פליגי.

ויבואר בהקדם דברי האבני נזר בתשובותיו (יו"ד סימן שיט וסימן שמ) שהקשה לפי דברי הרוקח (ה' לולב סימן רכ) דמילה שלא בזמנה הוא רק השלמה למילה בזמנה, לפי זה לא ידחה מילה שבת, כמו דחגיגה אינה דוחה שבת משום דיש לה תשלומין כל שבעה (עיין פסחים ע:) ע"ש. – ובזה יש לומר, לפי מה שכתב לדון במחצית השקל (סימן תמד סקי"א) דמצות האב הוא רק ביום השמיני לבדו, ומשם ואילך הוי מצותו על בית דין ע"ש. וכן כתב ביד המלך על הרמב"ם (ה' מילה א-ב). אם כן אי אפשר לדחות המילה על אחר שבת, דמצות האב אין לו תשלומין, דאחר השבת הוי מצותו רק מדין בית דין. וממילא שפיר הוכיח הירושלמי מצות האב מהא דכתיב ביום השמיני דמילה דוחה שבת, דלכאורה מאי שנא מחגיגה דאינה דוחה שבת משום שיש לו תשלומין, הא גם מילה יש לה תשלומין אחר ח'. ועל כרחך דמילת שמיני מוטלת על האב, וזה אין לה תשלומין, דמיום ח' ואילך מצותו על הבית דין.

מבוכה אין די אחרונים אויף וועמען עס ליגט דער חיוב מילה, צי אויפ'ן טאטן, אדער אויפ'ן קינד, נאר וויבאלד דאס קינד קען זיך נישט מל זיין, דעריבער מל'ט דער טאטע, אבער דער חיוב בעצם ליגט אויפ'ן קינד. דער **אבני נזר** (יו"ד סי' של"ט אות ט') האלט אז דער חיוב ליגט אויפ'ן קינד, און דער **חתם סופר** האלט אז ביז די דרייצן יאר ליגט דער חיוב נישט אויפ'ן קינד, נאר אויפ'ן טאטן. דעריבער זאגט דער חתם סופר, אז וווען נישט דער פסוק פון המול לכם כל זכר (בראשית יז, י), וואלט קיינער נישט געקענט זיין א מוהל - אויב ער איז געמ'ל'ט געווארן אונטער די דרייצן יאר, ווייל ס'איז קיינמאל נישט געווען אויף אים א חיוב מילה. (עיין בשו"ת חתם סופר יו"ד סי' רצ"ה-רצ"ו).

**רבינו:** אלס די הלכה פון 'המל ימול' (מנחות מב.). - דער **חתם סופר** זאגט אין תורת משה[א] ביי אברהם אבינו, שטייט אין פסוק (בראשית ז-כז) וכל אנשי ביתו וגו' נימולו אתו, זאגט ער, אז לויט די דעה אז אברהם האט קודם געמ'ל'ט די ילידי ביתו און נאכדעם זיך (עיין ברמב"ן שם), איז דאך לכאורה בשעת ער האט זיי געמ'ל'ט איז ער נאכנישט געווען נימול, און די הלכה איז דאך המל ימול?, נאר אז א איד איז נאר מקבל אויף זיך מצות מילה, ווערט ער שוין גערעכנט ווי א נימול וואס קען מל'ן אנדערע, ווייל ער הייסט א בר חיובא. איז די מילה פון ילידי ביתו תלוי געווען צי ער וועט זיך מל'ן צום סוף אדער נישט, וועט ער זיך מל'ן צום סוף, וועט נתגלה ווערן אז ער האט מקבל געווען אויף זיך מצות מילה, זענען זיי כשר'ע נימולים, און טאמער אברהם אבינו וועט נישט מקבל זיין אויף זיך מצות מילה, איז ער דאך קיינמאל נישט געווארן א בר חיובא, איז זייער מילה אויך נישט קיין מילה. און דאס איז פשט, וכל אנשי ביתו וגו' נימולו 'אתו', זיי האבן זיך געמ'ל'ט קודם, אבער 'מיט איהם' זענען זיי געמ'ל'ט געווארן, ווייל ווען אברהם האט זיך געמ'ל'ט, דעמאלטס איז למפרע חל געווארן זייער מילה.

[יום ד' חיי שרה תשס"ד]

*

### • בעניני ודיני חנוכה, ונס השמן בבית המקדש •

**גאב"ד ירושלים:** דער רב בלייבט דאהי אויף חנוכה?

**רבינו:** איך מוז בלייבן דאהי אביסל ביז אנהייב חנוכה, ווייל די יארצייט פון מיין מאמע ע"ה איז היינט ערב חנוכה (מנו"כ בהר המנוחות).

מען געפינט דאך אין די גמרא אז במקום הנס האט א ספעציעלע ענין, מען זאגט דאך ברוך שעשה לי נס במקום הזה, אז אויף דעם מקום וואס עס איז געשעהן א נס איז דא חיוב ברכה, איז א סימן אז במקום הנס איז חשוב'ער ווי ערגעץ אנדערש.

**ושאל רבינו:** ווען מען איז דא חנוכה אין ארץ ישראל, און מען האט משפחה אינדערהיים, און די שעות זענען נישט די זעלבע, דאס הייסט אז ווען מען צינדט דא, איז נאך דארט אינמיטן טאג, איז שייך אז יענער זאל קענען יוצא זיין מיט די הדלקה אדער פארקערט.

**גאב"ד ירושלים:** עס דאכט זיך מיר אז אין **שו"ת מנחת יצחק** איז דא אויף דעם א תשובה[יב], לכאורה נישט אז עס איז נישט די זמן הדלקה, ווייל ווען מען צינדט דא, איז נאך דארט אינמיטן טאג.

**רבינו:** די שאלה וואלט אויך געקענט זיין בזמן הש"ס, אויב מען איז געווען אפגערוקט, עס איז דאך געווען אזא מציאות, מען זעהט דאך ביי המביא גט ממדינת הים, אז מען האט געקענט זיין אין צוויי פלעצער.

---

[א] וכ"כ בחתם סופר עה"ת (שם), ובתשובותיו (יו"ד סוף סי' ש').

[יב] **בשו"ת מנחת יצחק** (ח"ז סימן מ"ו) מסתפק אי הבעל יכול לצאת בהדלקת אשתו שמדלקת בתוך ביתו, בזמן שבמקום שבו הוא נמצא עדיין יום א' אצלו כגון שהוא בחו"ל, ובמקום ביתו באר"י ששם היא מדלקת הוא כבר ליל ב', ומסיק שהבעל יכוון שלא לצאת בהדלקת אשתו וידליק בפני עצמו או ישתתף בפרוטה. אבל היכא שבמקום הבעל מקדים הלילה לבא כגון שהוא בארץ ישראל, ורוצה לצאת בהדלקת אשתו בביתו בחו"ל, אז אף אם בשעה שהיא מדלקת כבר האיר השחר אצלו, מכל מקום כיון דהוי עוד אותו יום מימי החנוכה שפיר יכול לצאת בהדלקתה ע"ש. ועיין עוד **בשו"ת באר משה** (ח"ז, בדיני בני אר"י וחו"ל סימן רס"ג) שהחמיר בזה בב' האופנים. - **ובשו"ת מנחת שלמה** (להגרש"ז אויערבאך זצ"ל, ח"ב סימן נ"ו אות ב) כתוב דבכל ענין הבעל יוצא בהדלקת אשתו, אף כשלא הגיע עדיין הזמן אצלו, והטעם לפי שמה שבני הבית נפטרים כשהבעה"ב מדליק, אינו משום דהוי השליח שלהם, אלא משום שכשיש נר דלוק בביתם ממילא הם פטורים. וכן נוטה להלכה **בשו"ת קנין תורה** (ח"ד סימן פ"ב). ועיין עוד **בשו"ת תשובות והנהגות** (ח"ב סימן קנ"ז אות י', ובח"ג סימן רט"ו אות י"ח).

**גאב"ד ירושלים:** מסתבר איז אז אויב עס איז נישט דעמאלטס די זמן הדלקה, קען מען נישט יוצא זיין מיט די הדלקה.

*

עס איז א פלא ביי דעם נס חנוכה, וויפיל מען האט שוין געזאגט דערויף, און וויפיל קושיות עס איז דא אויפן גאנצען נס.

**גאב"ד ירושלים:** עס שטייט דאך ביי אהרן אז ער האט זיך מצטער געווען ביי די חנוכת המשכן, און דער אייבערשטער האט אים געטרייסט מיט הדלקת המנורה, אז די נרות בלייבן לעולם (מדרש רבה טו-ו), זאגט דאך דער **רמב"ן** (במדבר ח-ב) אז דאס גייט ארויף אויף חנוכה, אז דאס בלייבט לעולם, ווייל די נרות המקדש איז דאך נישט דא היינט. קומט אויס אז אלעס איז אין זכות פון אהרן הכהן.

**רבינו:** איך האב געזעהן שטיין אמאל, אז בשעת דעם חורבן פונעם בית המקדש האט דאך געברענט די מנורה, עס האט דאך געברענט די גאנצע צייט, און לויטן רמב"ם (הל' תמידין ג-י) איז דאך געווען די מצוה פון הדלקה סיי ביינאכט און סיי בייטאג, און בשעת דעם חורבן האט דער אייבערשטער ארויפגענומען די מנורה אויבן, און עס ברענט די גאנצע צייט. מען געפונט דאך אז אזא נס איז געווען במקדש אז מען האט אנגעצינדען איינמאל און עס האט געברענט א גאנץ יאהר (מדרש תנחומא תצוה ג), איז כפשוטו 'שלך עומדת לעולם', די עבודה פון קרבנות איז דאך בטל געווארן, אבער די מנורה וועט בלייבן אויף שטענדיג, מיט דעם וואס מען האט עס אנגעצינדען דעמאלס, בלייבט עס אויף שפעטער אויך.

באמת מען פרעגט דאך א קשיא אויף דעם אליינס, אז די מנורה האט געברענט א גאנץ יאהר, וויאזוי האט מען מקיים געווען די מצוה פון הדלקת הנרות יעדן טאג (עיין בשו"ת אמרי יושר ח"ב סימן קצ"ה, ובליקוטי יהודה פ' תצוה, הובא דבריהם בשמן ראש לחנוכה אות לב).

**גאב"ד ירושלים: רבי חיים בריסקער** (הל' ביאת מקדש פ"ט ה"ז) זאגט א חידוש א גרויסן, אז די מצוה איז נישט געווען די מעשה הדלקה, נאר ביי חנוכה איז הדלקה עושה מצוה, אבער אין בית המקדש איז די מצוה נאר געווען אז די מנורה זאל ברענען. מען קען מדייק זיין אזוי אין פסוק (במדבר ח-ב) אז עס שטייט 'יאירו שבעת הנרות', עס שטייט נישט אז דו זאלסט אנצינדען. שפעטער האב איך געטראפן אז דער **בריסקער רב** דא **רבי וועלוול ז"ל** (חידושי הגרי"ז הל' תמידין סוד"ה והנה בשו"ת הרשב"א) זאגט אליינס די ראיה אז עס שטייט נישט תאיר את שבעת הנרות, נאר יאירו שבעת הנרות, זיי זאלן לייכטען דאס איז די מצוה. ער זאגט אזוי פשט אין רמב"ם (הל' ביאת מקדש ט-ז), די רמב"ם זאגט אז מען קען אנצינדען די מנורה אין חצר, און לכאורה אויב הדלקה עושה מצוה קומט אויס אז אויב מען צינדט אין חצר האט מען נישט יוצא געווען ווייל הדלקה במקומה בעינן, אלא מאי זעהט מען אז עס איז גענוג אז עס ברענט אינעווייניג, און מען דארף עס נישט אנצינדען אינעווייניג, ווייל נישט בשעת די הדלקה איז די מצוה, נאר נאכן צינדן אינדרויסן ברענגט מען עס אריין, און דעמאלס הייבט זיך אן די מצוה.

דער **חתם סופר** (דרשות לחנוכה סז.) זאגט פשט אין רמב"ם אז מען יוצא די מצות הדלקה אין חצר גופא אויך, אפילו מען טראגט עס נישט אריין, ווייל עס שטייט נאר אז די מנורה דארף זיין אין היכל במקום המקדש אלץ דעם צורת הבנין, אבער די מצות המנורה און די הדלקה קען זיין אינדרויסען (עיין בכל זה בשמן ראש לחנוכה אות לז, ובאות קב. ובליל ו' דחנוכה תשע"ה).

דער **שפת אמת** (מנחות פח:) זאגט אזוי, ער פרעגט א קשיא אויף דעם נס חנוכה אז עס האט געברענט אכט טאג, פרעגט ער אזוי, אז די גמרא זאגט (שם) אז אויב די ליכט ברענט אויס אינמיטען די נאכט, נר שכבתה נידשן השמן נידשנה הפתילה, און מען האט געדארפט ארויסגענומען די איבריגע אויל און עס מער נישט נוצן, פרעגט ער אויב אזוי וואס האט מען געהאט פון דעם נס אינגאנצען, איינמאל די ליכט האט זיך אויסגעלאשן קען מען דאך שוין נישט נוצען די איבריגע שמן וואס איז געבליבן אינעם נר. זאגט דער **שפת אמת** אז נידשן השמן איז נאר אויב עס גייט אויס, אבער דא איז געווען די נס אז עס האט געברענט אכט טעג און אכט נעכט אין איין צו, נישט אז עס האט זיך אויסגעברענט. אויף דעם ווערט אבער שווער די קשיא וויאזוי האט מען מקיים געווען די מצות ההדלקה, נאר לויט דעם וואס מען רעדט שטימט, אז עס איז נישטא קיין מצוה מדליק צו זיין נאר אז עס זאל ברענען, און אזוי ווי עס האט געברענט אגאנצן צייט, איז אויך נישט קיין פראבלעם מיט נידשן השמן נידשנה הפתילה.

אין די גמרא (מנחות פט.) איז דאך דא אויך א מחלוקת וויאזוי מען האט געוויסט די פונקטליכע שיעור צו צינדן חצי לוג, צו מען האט קודם אריינגעלייגט מער אינעם נר א גאנצע לוג, און מען האט געזעהן וויפיל

עס בלייבט איבער, האט מען געוויסט אז דער שיעור איז א חצי לוג [מלמעלה למטה שיערו], אדער מען האט אנגעהויבן מיט ווייניג אויל, און מען האט כסדר צוגעלייגט וויפיל עס פעלט אויס [מלמטה למעלה שיערו]. נו אויב מען האט געלייגט מער פארשטייט מען, אבער אויב מען האט געלייגט ווייניגער וויאזוי האט מען מקיים געווען די מצוה, בשעת די הדלקה איז דאך נישט געווען גענוג, און אויב די מצוה איז די מעשה הדלקה מוז מען דאך אריינלייגען לכתחילה די שיעור אויף אגאנצע נאכט, אלא מאי אז די מצוה איז נאר אז עס זאל ברענען, ממילא איז דאס שוין נישט קיין פראבלעם אזוי שטארק (עיין עוד בשמן ראש לחנוכה אות צז).

**רבינו:** עס קען זיין, אז נישט אין די מנורה אליינס האט מען עס אנגעצינדן אזוי, נאר קען זיין מען האט עס אנגעצינדען אזוי אין אנדערע כלים, און לויט דעם האט מען צוגעגעבן צו וויסן פונקטליך וויפיל די שמן ההדלקה דארף צו זיין.

**גאב"ד ירושלים:** אבער עס איז נישט משמע אין די גמרא אזוי.

**רבינו:** (אחר שהביאו גמרא מסכת מנחות, ועיינו יחד בפנים בדברי הגמרא בדף פט.) די גמרא זאגט אז די וואס האלטן אז מען האט משער געווען מלמטה למעלה, איז ווייל התורה חסה על ממונן של ישראל [וברש"י שאילו היו נותנין בו לוג לכתחילה, ומה שמשייר למחר היו שופכין לחוץ, איכא חסרון], מוז זיין אז עס איז געווען אין די מנורה, ווייל אז נישט וואלט מען דאך געקענט נוצען די איבריגע שמן.

**גאב"ד ירושלים:** יא, פשטות איז משמע אז עס איז געווען אין די מנורה. (ואחר שעיין עוד בתוספות ד"ה אין עניות אמר:) אה!, תוספות פרעגט טאקע אז מען וואלט געקענט אזוי טוהן צו נוצן שמן של חול[יג].

[בסיום השיחה אחר שאחד מהנוכחים מחו"ל שלומד בארה"ק, ומבאי ביתו של הגאב"ד נתן שלום לרבינו, אמר הגאב"ד] : אסאך היימישע בחורים אמעריקאנער בחורים קע"ה זענען דא.

**רבינו:** איך האב הנאה אז זיי האבן ווי צו קומען, און אז זיי האבן שכל צו קומען, עס שטייט אזוי אין די משנה (אבות א-ד) והוי מתאבק בעפר רגליהם, מען דארף עס אויסנוצען ווילאנג מען קען.

[יום עש"ק וישב – ערב חנוכה תש"ע]

---

[יג] בספר **קרן אורה** (שם) כתוב וזה לשונו: לפי משמעותא דשמעתא דבמנורה עצמה שיערו, וכנראה מלשון רש"י ז"ל, הוי מצי למימר דלהכי שיערו ממעלה כו' כדי שיהיה בה שיעור הדלקה לכל הלילה, עד דקשה לי למאן דאמר ממטה למעלה אם כן כי נתנו שיעור פחות מלוג, ולא היה בו כשיעור מערב עד בוקר לא קיים המצוה, כמו לענין נר חנוכה דבפחות משיעור לא יצא, אף על פי שהוסיף אחר כך. ויותר היה נראה דבשמן של חול שיערו, ועיין תוספות בד"ה אין עניות ע"כ. ועיין עוד **בדרשות מהרי"ץ** לחנוכה (דרוש טז) שיש לומר ששיערו במנורה של חול ע"ש בארוכה.

**ובחזון איש** (מנחות סימן ל' אות ז') גם כן רצה לצדד מחמת קושיא הנ"ל דשיערו במנורה ובשמן של חול, אולם כתב שזה לא יתכן דהרי מסיק בגמרא שהיתה מזה משום הפסד ממונם של ישראל, ואם שיערו במנורה של חול הרי ליכא בזה שום הפסד, שהרי למחרתו יכולים להשתמש בו. ולכך מתרץ [וכן כתוב **בשטמ"ק** החדש] דאולי עשו בתחלה פתילה דקה, ואחר כך העבו את הפתילה והוסיפו שמן, עד שמצאו חצי לוג שמן בליל טבת בפתילה בינונית. ועיין עוד **בשפת אמת** מה שכתב בביאור דברי הגמרא התורה חסה וכו'.

דרשת

# כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## במעמד 'קבלת פנים רבתי' לכבודו של

## כ"ק מרן גאב"ד ירושלים זצ"ל

על פני רחוב טעילאר סט. - בעיר וויליאמסבורג יצ"ו

יום א' ויצא תשע"ה לפ"ק

**ישעיה** הנביא זאגט (ישעיה מט-יח), שאי סביב עיניך וראי, הייב אויף דיינע אויגען און קוק דיך ארום, כולם נקבצו באו לך, אלע זענען זיך צוזאמגעקומען צו דיר. די ווערטער זענען זייער פאסיג ווען מען שטייט דא ביי דעם מעמד קבלת פנים פארן גאב"ד פון די עדה החרדית, דער שר צבא ה', וואס איז שומר דעם גחלת הקודש, דעם משמרת הקודש, אין ירושלים עיר הקודש. אלע קרייזען פון יהדות החרדית זענען זיך צוזאמגעקומען מקבל פנים זיין דעם גרויסן גאון, גדול במעשים, וגדול במדות טובות, וואס איז יעצט דא ביי אונז אין שטאט, ביי די יעצטיגע געלעגענהייט. מיר אלע קומען געבן חיזוק פארן רב זאל זיין געזונט, וואס האט אויף זיך גענומען דעם עול, און ער שטייט אין ראש פונעם עדה החרדית, וואס קעמפט אקעגן די אלע גזירות רעות וואס איז יידער דא אין ירושלים עיר הקודש, און אין גאנץ ארץ ישראל. זאל אים דער אייבערשטער געבן כח אנצופירן מיט זיין עבודת הקודש, מיט לאנגע געזונטע יארן.

*

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ויצא יעקב מבאר שבע, יעקב איז ארויסגעגאנגען פון ארץ ישראל, פון באר שבע, וילך חרנה, און ער איז געגאנגען קיין חרן. און רש"י זאגט, פארדעם שטייט ויצא יעקב, אז יעקב איז ארויסגעגאנגען, שיציאת צדיק מן המקום עושה רושם, ווען א צדיק גייט אוועק פון א מקום דערקענט זיך א רושם. בזמן שהצדיק בעיר, ווען דער צדיק איז אין די שטאט, הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה, איז ער דער פראכט, און דער שיינקייט פון די שטאט. יצא צדיק מן העיר, ווען דער צדיק גייט אוועק פון די שטאט, ווען יעקב אבינו איז ארויסגעגאנגען פון חרן, פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה, איז אוועקגעגאנגען דער שיינקייט, און דער פראכט וואס דער שטאט האט געהאט.

**דער** הייליגער **חתם סופר** שטעלט זיך, און ער פרעגט, אברהם אבינו איז אויך אוועקגעגאנגען פון זיין מקום. דער אייבערשטער האט אים געזאגט, לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך (בראשית יב-א), ער האט אויך איבערגעלאזט זיין מקום, און פארוואס געפינט מען נישט אז די תורה זאל מרמז זיין ביי אברהם אבינו, אז יציאת צדיק מן המקום עושה רושם, און די תורה שרייבט עס נאר דא ביי יעקב אבינו.

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט, אז צו פארשטיין אז א צדיק איז דער הוד און דער זיו און דער הדר פון די שטאט, מוז ער זיין ארומגענומען מיט ערליכע יודן, וואס זיי פארשטייען וואס עס מיינט אן ערליכער יוד. זיי פארשטייען די עבודה פון א צדיק, אז דער צדיק איז מגין אויף די שטאט מיט זיין צדקות. אבער ווען עס איז דא א שטאט וואס איז נישט ארומגענומען מיט ערליכע יודן, פארשטייען זיי נישט, וואס דער שיינקייט פון דעם צדיק איז, און וואס עס פעלט ווען דער צדיק איז נישט דארט.

**אברהם** אבינו איז געווען איין צדיק אין די וועלט, אחד היה אברהם (יחזקאל לג-כד), און ווען ער איז אוועקגעגאנגען פון חרן איז נישט איבערגעבליבען דארט קיינער וואס זאל פארשטיין וואס אברהם אבינו איז געווען, אז מען זאל באוויינען אז אברהם אבינו גייט אוועק. עס איז נישט געווען קיינער וואס זאל פארשטיין, אז דער צדיק איז דער הוד און דער זיו און דער הדר פון די שטאט. אבער ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען פון באר שבע, איז דארט איבערגעבליבן א יצחק און א רבקה, און זיי זענען געווען די אמת'דיגע מבינים אויף יעקב אבינו, און זיי האבען געוויסט אז ווילאנג יעקב איז אין די שטאט, איז דאס דער הוד און דער זיו און דער הדר פון די שטאט. איז די תורה מרמז ביי יעקב, ויצא יעקב, אז ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען פון די שטאט פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה.

**איך** האב געזען אמאל שטיין נאך א חילוק, וואס איז געווען צווישן אברהם אבינו און יעקב. אוודאי ווען א צדיק גייט ארויס פון די שטאט איז פנה הודה פנה זיוה, דער צדיק איז דער הוד פונעם מקום. אבער עס קען זיך אמאל דאכטען, אז דאס איז נאר ווען עס איז דא איין צדיק אינעם מקום, דעמאלטס דערקענט זיך ווען ער גייט אוועק, אז עס פעלט דער הוד. אבער ווען עס איז א שטאט וואס איז מלאה צדיקים, עס איז דא דארט נאך ערליכע יודן, און איין צדיק איז אוועקגעגאנגען פון דארט, פעלט נישט פונעם הוד פונעם שטאט, ווייל די שטאט איז נאך געבענטשט מיט אסאך שיינקייט פון די אנדערע צדיקים. ווייל אונז די תורה מגלה זיין, ניין, אפילו ווען א צדיק לאזט איבער אין די שטאט אנדערע צדיקים, פון דעסטוועגן דאך, איז יעדער צדיק ווען ער גייט ארויס פון זיין מקום, איז פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה. ווייל יעדער צדיק פארמאגט א געוויסע שיינקייט וואס ער האט מיט זיך, און דאס פעלט ווען ער גייט ארויס פון שטאט.

**ווען** אברהם אבינו איז ארויסגעגאנגען, איז אוודאי געווען פנה הודה, פנה זיוה, ווייל ווען האט ער איבערגעלאזט אין זיין מקום, נאר עוברי עבירה, איז א וודאי אז עס פעלט דער הוד פון אברהם אבינו. מען וועט אבער מיינען, אז ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען, און עס איז איבערגעבליבען אין די שטאט אזא שיינע צירונג, יצחק אבינו און רבקה אמנו, איז אפילו יעקב איז נישט דארט, איז נישט אוועקגעגאנגען דער הוד פונעם שטאט. ווייל די תורה פארציילן, ניין, דו זאלסט וויסען, אז אפילו מען לאזט איבער א יצחק און א רבקה, אבער ווען יעקב גייט ארויס, איז פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה.

**און** דער ביאור דערפון איז, ווייל א יעדער צדיק האט א געוויסע שיינקייט, א געוויסע מעלה, וואס אן אנדערער צדיק האט נישט. יעדער איינער ווערט נתעלה אין א געוויסע שטריך אין גדלות און אין קדושה, וואס ער פארמאגט מיט א געוויסען זין, מער פון א צווייטן צדיק. אז מען זאל אנכאפן אברהם, יצחק, און יעקב, וואס אלע זענען דאך געווען אויסערגעוועגליך גרויס. אלקי אברהם, אלקי יצחק, ואלקי יעקב. אבער די מדות מיט וואס זיי האבען ארויסגעשטארט, איז ביי יעדן געווען אנדערש. אברהם איז ארויסגעשטאנען מיט זיין מדת החסד, וואס יצחק און יעקב האבען נישט געהאט אין זיך די מדה וואס איז געווען אין אברהם. יצחק איז ארויסגעשטאנען מיט זיין עמוד העבודה, ויצא יצחק לשוח בשדה (בראשית כד-סג). יעקב איז ארויסגעשטאנען מיט זיין עמוד התורה, איש תם יושב אהלים (שם כה-כז).

**ווען** אברהם און יצחק זענען צוזאמען אין שטאט, און אברהם לאזט איבער די שטאט, און יצחק בלייבט דארט איבער, עס איז טאקע געבליבען א צדיק אין די שטאט, אבער די שיינקייט פון די מדת החסד פון אברהם פעלט. און ווען יצחק און יעקב דארפן זיך אפטיילן, און יצחק איז געבליבן דארט, עס איז טאקע געבליבן אין די שטאט דער עמוד העבודה, אבער עס פעלט די שיינקייט פון יעקב, וואס איז געווען א איש תם יושב אהלים. יעדער צדיק האט א געוויסע שיינקייט אין זיך, א געוויסע מעלה, און א מדרגה, וואס דער צווייטער פארמאגט נישט. און יעדער געבט צו, צו די שיינקייט פון די שטאט. און ווען עס איז יצא צדיק מן העיר, ווען יעקב איז ארויסגעגאנגען פונעם שטאט, איז פנה הודה, פנה זיוה, פנה הדרה.

*

**ירושלים** עיר הקודש איז א שטאט וואס איז מלאה חכמים וסופרים, אנגעפילט מיט תלמידי חכמים און ערליכע יודן, בעלי מסירת נפש, שייף עייל שייף נפיק, ירושלים איז א ערליכע שטאט. מיט וואס שטייט ארויס אונזער רב, דער גאב"ד זאל זיין געזונט. וואס איז זיין שיינקייט אין די שטאט, בזמן שהצדיק בעיר הוא הודה הוא זיוה הוא הדרה, מיט וואס איז ער דער הודה. **די שיינקייט פונעם רב איז, זיין צוגעלאזענקייט, און זיין ענוות חן, וואס ער האט אין זיך, די בחינה פון עניו מאד מכל האדם, וואס ער איז צוגעלאזן, פון אן אדם גדול ביז צו א יונגערמאן וואס זיצט און לערנט, ביז א בחור'ל און א קינד, יעדן איינעם איז ער מקבל מיט א סבר פנים יפות, צו יעדן איינעם האט ער אזא פשטות, וואס מיט דעם איז ער אן אויסנאם, וואס מען זעהט נישט צווישן גדולי ישראל און חכמי ישראל זאלן פארמאגען אין זיך די מדה. דאס איז דער הודה, און דער זיוה, און דער הדרה, וואס ירושלים פארמאגט מיט דעם רב, וואס ער איז דער פראכט פון די שטאט.**

**אבער** עס קען זיין אז דאס קען מען נאך אויך טרעפן. מען קען נאך טרעפן תלמידי חכמים וואס זענען שייף עייל ושייף נפיק, ולא מחזיקו טיבותא לנפשיה. **אבער אז אין די זעלבע צייט וואס ער פארמאגט אין זיך די געוואלדיגע מדה פון ענוה, קעמפט ער ווי א לייב, ווען מען דארף זיך אויפשטעלן אקעגן די שונאי ישראל. ווען עס איז דא יעצט אזא ממשלה אין ארץ ישראל, וואס יודן האבען עס נאכנישט מיטגעמאכט זייט מען געפינט זיך אונטער די ממשלת הרשעה, וואס זיי פארלייגען זיך אפענערהייט, עוקר צו זיין תורה און מצות, אונטערצודריקען די יהדות החרדית מיט די גזירות. איז עס גיוס בני ישיבה, איז עס דאס וואס מען וויל אריינברענגען לימודי חול אין די לימודי קודש, און עס איז נאך דא א לאנגע ליסטע אויסצורעכענען די אלע גזירות, איז אונזער רב דער וואס שטייט בראש כל מערכות ישראל. פון איין זייט האט ער אין זיך די געוואלדיגע מדה פון זיין ענוות חן, און פון די אנדערע זייט קעמפט ער ווי א לייב צו אלעס וואס איז נוגע פאר קדושת ירושלים. דאס איז הוא הודה, הוא זיוה, הוא הדרה. מיט דעם איז ער אין בדומה לו, ער האט נישט איבערגעלאזט אין די שטאט נאך אזא כח, וואס זאל פארמאגען אין זיך ביידע שטריכן צוזאמען, סיי די ענוות חן וואס דאס איז פערזענליך, און פאר תורה און עבודת ה׳ קעמפט ער ווי א לייב, און ער שטעלט זיך ארויס, און ער שטייט בראש, אקעגן די וואס זענען פורצי גדר, און ער פירט די מלחמה אקעגן זיי מיט א יד חזקה.**

**די** גמרא זאגט (יומא כב:) כמה לא חלי ולא מרגיש גברא דמריה סייעיה, א מענטש וואס דער אייבערשטער געבט אים הילף, און ער האט סייעתא דשמיא. שאול באחת ועלתה לו, דוד בשתים ולא עלתה לו. דער פשוטער פשט אין די גמרא איז, שאול האט חוטא געווען איין חטא אקעגן דעם אייבערשטן, און ועלתה לו, עס האט אים געשאדט, און מען האט אים צוגענומען די מלוכה. דוד בשתים, דוד האט געהאט צוויי חטאים, און דער אייבערשטער האט אים פארקוקט, ער איז געווען א גברא דמריה סייעיה. און זיין מלוכה איז געבליבן לעולמי עד, דוד מלך ישראל חי וקיים (ר״ה כה.).

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, שאול המלך איז געווען א געוואלדיגער ענוות רוח, עס שטייט אין פסוק (שמואל א י-כז), ויבזהו, מען האט מבזה געווען שאול המלך, ויהי כמחריש, און ער איז שטיל געווען. ער האט נישט געקוקט אויף זיין כבוד, און ער איז געווען שטיל. שאול איז געווען באחת, ער האט נאר געהאט אין זיך איין מדה, דאס איז די מדה פון ענוה ושפלות רוח. אבער דוד בשתים, דוד האט געהאט אין זיך ביידע מדות. דוד איז געווען ביי זיך צובראכן, ואנכי תולעת ולא איש (תהלים כב-ז), ער האט געזאגט אויף זיך, אז ער איז נישט מער ווי א ווערימל. ביי זיין פערזענליכן לעבן, איז ער געווען א ענוותן ווי א תולעת, ער איז געווען ביי זיך צובראכן, אזוי ווי א קליין ווערימל. אבער ווען עס איז געקומען מלחמה צו האלטן מיט די שונאי ישראל, האט ער אויסגעשריגן, הלא משנאיך ה׳ אשנא, ובתקוממיך אתקוטט, איך שטעל זיך ארויס, זיך צו קריגן מיט די משנאי ה׳, תכלית שנאה שנאתים, לאויבים היה לי (שם קלט-כא).

**דוד בשתים, דוד האט פארמאגט ביידע מדות. פון איין זייט איז ער געווען צובראכן ביי זיך ווי א תולעת, און פון די אנדערע זייט איז ער געווען דער קעמפער אקעגן די שונאי ישראל. - דאס איז אונזער רב, דער גאב״ד זאל זיין געזונט, וואס ער האט אין זיך ביידע כוחות, עס איז דוד בשתים. פון איין זייט האט ער דעם פשטות און צוגעלאזענקייט, וואס איז אין בדומה לו. און פון די אנדערע זייט, שטייט ער בראש מערכות ישראל, און קעמפט אקעגן אלע גזירות, וואס איז דא אין ארץ ישראל.**

**איך** וויל זאגען פארן רב זאל זיין געזונט, שאי סביב עיניך וראי, כולם נקבצו באו לך, **איר זאלט וויסן אז די גאנצע יהדות החרדית אין אמעריקא, שטייט אונטערן רוקן פונעם רב, ארויסצוהעלפען מיט דעם קאמף וואס ער איז לוחם מלחמות ה׳, און דאס וועט געבן כח און חיזוק, ווייטער אנצוגיין מיט דעם כח, אז מען זאל קענען אויפטון וואס מען דארף אויפצוטון.** דער אייבערשטער זאל געבן אז כ״ק מרן הגאב״ד שליט״א יאריך ימים על ממלכתו, דער באשעפער זאל אים געבן ווייטער אויך אסאך כח אויפצוטון להגדיל תורה ולהאדירה, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו. דער באשעפער זאל געבן אריכת ימים ושנים, לאנגע און געזונטע יארן, מיט כוחות הנפש, אז מען זאל קענען אויספירן דעם עבודת הקודש, ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין אינאיינעם, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

# דרשת כ"ק מרן גאב"ד ירושלים זצ"ל

## אצל סעודת הילולא של מרן הגה"ק רבי יונתן שטייף זצוק"ל
## אב"ד דקהלתינו הק'
## שהתקיים ברוב עם בהיכל בית מדרשינו הגדול
## במלאות חמישים שנה להסתלקותו, ט' אלול שנת תשס"ח לפ"ק

**ברשות** דער רב דער מרא דאתרא, כל הקהל הקדוש הזה.

**עס** איז די יארצייט פון הגאון הצדיק רבי יונתן שטייף, דער ערשטער מרא דאתרא אין דעם מקום קדוש.

**דער** מקור זיך צוזאם צוקומען ביי א יארצייט פון א אדם גדול, איז א רש"י אין מסכת יבמות (דף קכ"ב), די גמרא זאגט דארט, די אמוראים האבן געהאט א שאלה, האט מען עס פארגעלייגט תלתא ריגלי, דריי רגלים האט מען פארגעלייגט די שאלה. זאגט רש"י, וואס איז דאס דריי רגלים, אין די צייטן פון די אמוראים איז מען דאך נישט געגאנגען עולה רגל זיין? זאגט רש"י, מצאתי בתשובת הגאונים, כל הנך ריגלי וואס שטייט אין די גמרא 'רגלים', מיינט מען יום שמת בו אדם גדול, א טאג א יארצייט פון א אדם גדול, יעדעס יאר זאגט רש"י, כל שנה בשנה האבן מען זיך צוזאמגעקליבן די תלמידים עם שאר העם, וקובעים אותו לכבודו מ'האט דעם טאג קובע געווען לכבודו פונעם אדם גדול, ומושיבים שם ישיבה, מ'האט דארט אוועקגעזעצט, ישיבה הייסט מ'האט עוסק געווען בתורה. דאס איז דער פשט, מ'האט פארגעלייגט די שאלות פאר די אלע גדולי ישראל וואס זענען זיך צוזאמגעקומען, די אלע שאלות וואס איז געווען עומד על הפרק האט מען דארט אדורכגערעדט. דאס הייסט תלתא ריגלא.

**אין** מנחת יצחק (דרשות מנחת יצחק הנדמ"ח, עמ' רא) לייגט ער נאך צו א ווארט, פארוואס הייסט עס ריגלא, עס איז א יארצייט, וואס הייסט עס עפעס רגלים? זאגט ער, ווייל די נשמה פון א צדיק האט א עליה אין א יארצייט, ממילא הייסט עס א יום טוב, ריגלא ס'איז א יום טוב פאר די נשמה. און די אלע וואס קומען זיך צוזאמען, קומען לכבוד פון די הייליגע גרויסע נשמה, וואס פאר די נשמה איז א יום טוב.

**מי לנו גדול הגאון הצדיק רבי יונתן שטייף, אלע וואס געדענקען נאך אביסל פון א דור פריער, ער איז געווען פון די גרויסע גדולי ישראל, צדיק חסיד ועניו.** איך האב איינמאל זוכה געווען לראות פני קדשו און צו הערן א דרשה, ווען ער איז געווען אויפן וועג קיין אמעריקא ער איז אפגעשטיגן אויף איין שבת אין לאנדאן. ס'איז געווען בערך שנת תש"ה-תש"ו אין יענע צייטן. איך האב זוכה געווען צו הערן א דרשה. איך וועל איבערזאגן איין ווארט וואס איך געדענק וואס ער האט געזאגט.

**ער** האט געזאגט אזוי: [ס'איז געווען פסח צייט]. אין די הגדה שטייט, יכול מראש חודש תלמוד לומר ביום ההוא, פירט די הגדה אויס, בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך. האט ער געזאגט אזוי, איך וועל איבערזאגן כלשונו: יכול מראש חודש איך וואלט געקענט מיינען, אז מ'זאל איינפלאנצען אמונה אין די קינדער אין די 'זונע מאנע שטערנע' [איך זאג עס נאך כלשונו], ראש חודש איז דאך דער ענין מ'זעהט א נייע לבנה מ'וואלט געקענט מיינען מ'זאל די קינד איינפלאנצען אמונה, צו ציגן קוק, דער רבוש"ע האט באשאפן די זון די לבנה, מ'זעהט יעדן חודש א פרישע לבנה ווען ס'איז גרעסער ווען ס'איז קלענער, מ'זעהט חכמת הבורא. וואלט געווען א סברא אז מ'וויל לערנען די קינדער אמונה, קען מען ציגן די לבנה די כוכבים, די חמה, זעהן די חכמת הבורא, און מיט חכמה מחנך זיין קינדער, מיט די חכמה אריינברענגען אמונה אין קינדער.

**תלמוד** לומר ביום ההוא, בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך, א קינד זעהט ווי א טאטע מאמע פלאגן זיך צוגרייטן אלע צורכי יו"ט, מ'זאל מקיים צו זיין די מצוה מיט אלע הידורים, מיט מצה ומרור, דאס איז דער וועג איינפלאנצן די אמונה אין קינדער, בשעה שמצה ומרור מונחים לפניך, אז קינדער זעהן דעם דרך החיים פון עלטערן.

**כעין** זה באמת האב איך געהערט פון מורי ורבי הרב דסלר זכרונו לברכה, און ס'שטייט אין זוה"ק האט מען מיר געוויזן. ס'שטייט אין קריאת שמע, ושננתם לבניך, דו זאלסט לערנען תורה מיט דיינע קינדער, ודברת בם, דו זאלסט רעדן מיט זיי, בשבתך בביתך ובלכתך בדרך. די פשוטע עברי טייטש, דו זאלסט לערנען, זאגן קריאת שמע און לערנען, ווען דו זעצט זיך און ווען דו שטעלסט זיך, ווען דו גייסט, ווען דו לייגסט זיך. אין זוה"ק שטייט באריכות אין פרשת ואתחנן (ח"ג רסט.), ושננתם לבניך ודברת בם, דו זאלסט לערנען מיט דיינע קינדער, בשבתך מיט דיין זעצן זיך, ובלכתך מיט דיין גיין, ובשכבך מיט דיין לייגן זיך, ובקומך מיט דיין אויפשטיין, **ווען א קינד זעהט ווי טאטע מאמע פירט זיך, מען פירט זיך מיט דקדוק המצוות און מסירת נפש פאר מצוות, דאס איז בשבתך דער פאר-וועג ווען קינדער זעהן ווי עלטערן פירן זיך, דאס איז דער וועג פון מחנך זיין, דאס איז דער 'ודברת בם' דו זאלסט רעדן דברי תורה, בשבתך מיט דיין זיצן, און מיט דיין גיין, און מיט דיין שטיין.**

**איך** ווייס א געוויסע קהלה אין אייראפע מ'האט געהאלטן ביים אויפנעמען א רב, איך האב געקענט יענעם רב, א גאון א צדיק, אבער איז אינגאנצען נישט געווען קיין רעדנער, ער האט נישט געהאט קיין כח הדיבור. איז געווען א פראגע יא אויפנעמען אלץ רב, נישט אויפנעמען אלץ רב. רוב עולם האבן גע'טענה'ט א רב וואס ער קען נישט רעדן ווי קען מען אויפנעמען אלץ רב. איז דארט געווען א קלוגער איד האט ער געזאגט: וואס דארף ער רעדן, קוקטס אים אן! ער דארף גארנישט צו רעדן! ודברת בם בשבתך בביתך, מ'זעהט ווי א צדיק ווי א קדוש ווי ער פירט זיך דאס איז די גרעסטע און די בעסטע דרשה, ושננתם לבנך ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך.

**דאס** איז דער תוכן פון די דרשה וואס איך האב זוכה געווען צו הערן, יכול מראש חודש, וועט איינער זאגן די גרויסע דברי חכמה, תלמוד לומר ביום ההוא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך, **קינדער זעהן ווי עלטערן איז זיך מוסר נפש פאר א מצוה, מיט א ערענסטקייט און א אמת'דיגקייט, דאס איז דער בעסטער וועג פון השפעה.** דאס איז די תורה וואס איך האב געהערט פון הגאון הצדיק רבי יונתן שטייף. וואס דאס איז דאך זיין קהלה קדושה. וואס מען האט דאס זיכער געזעהן דא, און געלערנט פון אים.

**ס'האט** מיר געזאגט א איד נאך פון בודאפעסט, א אלטער איד וואס איך האב אים געקענט, דער איד האט געהאט א שוועסטער וואס האט חתונה געהאט אין בודאפעסט, פון אמעריקא טאקע, זי איז געווען א גרויסע עסקנית, און עוסק געווען אין גמילות חסדים אין פארשידענע זאכן, און איז געווען קרוב למלכות, בימים ההם ביי די חתונה זענען געווען מיניסטארן, די הויפט פון די פאליציי האט דארט געזאגט דרשות, די לעצטע דרשה האט געזאגט הגאון הצדיק רבי יונתן שטייף. ער האט געזאגט, ער האט געהערט די אלע חשוב'ע זאכן און די אלע מעלות, אבער ביי אונז איז נאך אלץ די גרעסטע מעלה כל כבודה בת מלך פנימה, **די מעלה פון א אידישע טאכטער איז כל כבודה בת מלך פנימה, מיט צניעות קדושה וטהרה,** דאס איז געווען די פאר ווערטער, וואס איז געווען א מיעוט המחזיק את המרובה, פון הגאון הצדיק רבי יונתן שטייף זכותו יגן עלינו. - די קהילה די עלטערע אידן האבן נאך זוכה געווען צו זעהן און צו הערן.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, אז זיין גרויסער זכות זאל ביישטיין פאר הגאון הצדיק דער מרא דאתרא, ער זאל פירן ווייטער בקדושה וטהרה מיט השפעות טובות, הרבצת התורה און מחנך זיין די יונגע דור ווייטער אין די זעלבע דרכים כמו שקבלנו מאבותינו ורבותינו מיט תורה מיט יראת שמים, מיט תמימות מיט ערליכקייט, מיט מסירות נפש. דער זכות זאל ביישטיין דעם גאנצן קהל מיט זייערע קינדער מיט זייערע אייניקלעך. **דאס איז דאך אלץ קינדער פון רבי יונתן שטייף!**

**דער** חתם סופר (תורת משה פ' במדבר) זאגט אזוי, ס'שטייט כל המלמד את בן חברו תורה כאילו ילדו, אזוי שטייט אין די גמרא (סנהדרין יט:). פרעגט דער חתם סופר למאי נפקא מינה דער 'כאילו ילדו', ס'איז א גרויסע מצוה צו לערנען תורה, אבער אין די גמרא שטייט דאך נישט סתם משלים, זאכן אין די וועלט אריין, וואס איז פשט אז דאס הייסט 'כאילו ילדו'?

**זאגט** דער חתם סופר ס'איז א גרויסע נפקא מינה. ס'שטייט ברא מזכה אבא (סנהדרין קד.), אז א זון טוט א מצוה איז ער מזכה זיין טאטע, דער טאטע איז שוין אין גן עדן. דאס איז דאך דער גאנצער ענין פון א יארצייט, מ'זאגט קדיש, קינדער זאגן קדיש, קדיש איז עפעס א תפלה פאר די נשמה?, קדיש ווערט נישט דערמאנט פון זיין נשמה, קדיש איז יתגדל

ויתקדש שמיה רבא, דער גרויסער הייליגער נאמען פון אייבערשטן זאל ווערן געהייליגט, ס'איז א תפלה אויף קידוש שם שמים, וואס האט דאס צו טוען מיט א יארצייט, אדער מיט א גאנצע יאר נאך א פטירה פון א טאטען?

**נאר** פשט איז, אז יעדע מצוה וואס א קינד טוט, צו וואס א אייניקל טוט, אדער וואס א אור-אייניקל טוט, איז דער טאטע אין גן עדן איז ער נהנה פון דעם, מ'זעהט אין מדרשים ווען מ'איז מכבד א טאטען אין גן עדן פאר דעם וואס קינדער טוען א מצוה, איז אז דאס קינד זאגט קדיש, ער איז מקדש שם שמים, איז דער זכות עולה פאר דעם טאטען אין גן עדן, ווייל ער האט דאך געברענגט דערצו, אז דער זון זאל מקדש זיין שם שמים.

**זאגט** דער חתם סופר, אזוי ווי ברא מזכה אבא, דאס איז דער פשט כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו, אזוי ווי ביי ילדו איז יעדע מצוה וואס דער קינד טוט איז עולה לזכותו פונעם טאטען צי פון דעם זיידן, אזוי אויך כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו, **איז א תלמיד אדער א תלמיד פון א תלמיד, צי א קינד פון א תלמיד, איז מקיים תורה ומצוות, איז עס עולה לזכותו פונעם רבי'ן, אדער פון רבי'ן פונעם רבי'ן, דאס הייסט כל המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו.**

**דעריבער** פארשטייט מען וואס רש"י זאגט, אז ס'קומען זיך צוזאמען תלמידי חכמים, ושאר העם, מענטשן וואס האבן נהנה געווען תורה פון דעם אדם גדול, אז זיי זענען עוסק בתורה, איז עס עולה לזכותו פון דעם אדם גדול.

**קומט** אויס אזוי, אז דער צוזאמען קומען זיך ביי א יארצייט, ווי רש"י איז דאס מסביר, האט צוויי גרויסע תכלית'ים. איין תכלית, מ'זאל פאר זיך אליין איבער'חזר'ן די תורה מיט די יראת שמים און די קדושה פון דעם גרויסן צדיק, און מ'זאל זיך לערנען פון דעם. און די צווייטע זאך איז, ס'איז טאקע א טובה פאר די נשמה. ווי גרויס די נשמה זאל זיין, איז נאך אלץ א טובה פאר די נשמה, אז קינדער און אייניקלעך און תלמידים ותלמידי תלמידים זענען עוסק בתורה, אז די נשמה האט דאס גורם געווען, איז עס א גרויסער זכות פאר די גרויסע נשמה.

**דער** אמת איז, די ראיה איז דאך מורא'דיג, פון וואנט לערענט מען ארויס כאילו ילדו, פון משה רבינו. ואלה תולדות אהרן ומשה, נדב ואביהו אלעזר ואיתמר (במדבר ג-א). נדב ואביהו אלעזר ואיתמר זענען דאך נישט געווען קינדער פון משה רבינו, זיי זענען דאך געווען קינדער פון אהרן הכהן?, נאר וויבאלד משה רבינו האט געלערנט תורה מיט זיי, ווערן זיי גערעכענט ואלה תולדות אהרן ומשה. קומט איצט אויס, אז פאר משה רבינו איז עס אויך א טובה, וואס ער האט אוועקגעשטעלט אזעלכע תלמידים.

**זעהט** מען אז פאר די גרעסטע נשמה פון די גאנצע בריאה, איז עס אויך א קרן, אז עס איז כאילו ילדו! **ווי גרויס דער צדיק און ווי הייליג דער צדיק איז געווען בחייו, איז עס א טובה פאר אים אז זיינע קהלה קדושה, ובראשם דער רב שליט"א זאל זיין געזונט און שטארק, גייען ווייטער אין דרכי ה', מ'לערענט זיך פון זיין גרויסע צדקות, פון זיין גרויסע קדושה, וואס ער האט משפיע געווען אין דער קהילה קדושה, איז דאס א גרויסע טובה פאר זיין הייליגע נשמה.**

**דער** אייבערשטער זאל העלפן, עס זאל זיין א טובה פאר די הייליגע נשמה, און א טובה פארן גאנצן קהל הקדוש, מ'זאל זוכה זיין צו אריכות ימים ושנים, מגדל זיין קינדער און אייניקלעך און אור-אייניקלעך לתורה וליראת שמים, מ'זאל זוכה זיין בזכותו צו ביאת גואל צדק במהרה בימינו אמן *.

---

* **בסיום הדברות קודש בסעודת ההילולא, קידם רבינו שליט"א בברכה את פני כ"ק מרן גאב"ד ירושלים זצ"ל באלה הדברים:** אונז האבן דא א חשוב'ן גאסט, דער ירושלים'ער רב זאל זיין געזונט, עס איז באמת פאר אונז א געוואלדיגער זכות און א געוואלדיגער כבוד, וואס דער רב האט זיך מטריח געווען אין די קורצע צייט וואס ער איז דא, און ער גענומען אויף זיך די מיה, זיך צו משתתף זיין דא ביי די היינטיגע געלעגנהייט, **אונז אלע זענען דאך פארבינדען מיט ירושלים עיה"ק, אונז אלע האבן דאך א חלק אין ירושלים, מען פרובירט צו שטיצען ירושלים, מען פרובירט צו מחזק זיין אלעס וואס איז צוגעבינדען צו ירושלים.**

**וויל** איך נאר וואונטשען אריכות ימים ושנים פארן חשוב'ן רב זאל זיין געזונט, יאריך ימים על ממלכתו, דער באשעפער זאל אים געבן אסאך כוחות ווייטער אויך, ער זאל קענען מרומם זיין דעם קרן ישראל. מען האלט דאך באלד אנהייב פון א נייעם יאהר, זאל דער אייבערשטער געבן, אונז זאלן זיך אלע אויסבעטן א גוט געבענטשט יאהר, א כתיבה וחתימה טובה, מען זאל זיין געזונט און שטארק, מען זאל קענען דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב, זעהן נחת פון די קינדער, עס זאל נתרומם ווערן דער קרן ישראל, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.